IV. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 41

# דער יוד

ציימשריפט

## פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואך.

פערלאג: חברת „אחיאסף".

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך־אונגארן —.12 קראנען
האלביאהריג —.6 „
פירטעליאהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא. ענגלאנד —.10 שילינג

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

די אדרעסע פיר עסטר.־אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration Der Jude,
Krakau, Gertrudy 16.

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאהרליך —.5 רובל.
האלב יאהרליך —.3 „
פיערטעל יאהרליך 1.50 „

מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רובל
דען 1טען אפריל — 2 „
דע 1טען אויגוסט — 1 „

איינצעלנע נומערן 15 קאפ. — 30 העללער.

ענדערן די אדרעס קאסט 20 קאפ

די אדרעסע פיר רוסלאנד:
Издательство
„Ахіасафъ", Варшава.

Krakau, 9 October 1902. נומער 41 קראקוי, תשרי תרס"ג.

# אמעריקא און די רומענישע יודען.

אייראפא האלט ניט פון אמעריקא. אין אייראפא זאגט מען, אז אמעריקא ווייס נור פון געשעפטען און געלד. בנוגע צו העכערע ענינים פון מוסר און יושר, זאגט מען, שטעהט אמעריקא זעהר נידריג, וויל אלץ ווערט דארט אויסגערעכענט נור אויף די מטבע, אויפ'ן דאלאר.

מיר זאגען אבער אפט נאך א סך זאכען, וואס מיר הערען איינער פון דעם אנדערען, ניט איבערקלערענדיג, און מיר גלויבען אין זיי, ביז עס קומט ניט א וועלכע ס'איז מעשה, וואס ווייזט אונז ארויס אונזער טעות. דאס האבען מיר איצט געקאנט זעהן אויך בנוגע צו אמעריקא. מיט דעם פראטעסט געגען רומעניען פאר איהרע אונמענשליכע געזעצען געגען די יודען, האט אמעריקא ארויסגעוויזען, ווי הויך זי שטעהט אויך בנוגע צו מענשליכקייט און צו העכערע אידעאלען פון מוסר און יושר.

אין אייראפא איז געקומען אזוי ווייט, אז ווען מען וויל זיך אננעהמען פאר יודען אדער רעדען גוטס אויף יודען. מוז מען זיך טויזענד מאל פערענטפערן אדער ענטשולדיגען. האלטען מיט יודען, אפילו ווען זיי זענען גערעכט און רייך ארום און ארום, ווערט גערעכענט אין אייראפא צו די מדות, ביי וועלכע מען קען זיך קיין שענעם נאמען ניט מאכען. צו זיין א יודענפ־יינד אין אייראפא, מוז מען האבען פיעל מוטה; מען דארף צוליעב דעם אפט גרייט זיין אויף וידלערייען, בעשולדיגונגען און שנאה'י אזוינע מוטהיגע און זעלבסטשטענדיגע מענשען געפינען זיך אבער זעהר ווייניג. דערפאר זעהען מיר טאקי, אז אדער מען קען זיך מיט די געדאנקען איבער יודען ניט ארויסהויבען העכער פון דער מדרגה, אדער מען האט מורא צוליעב א גוטען ווארט פאר יודען צו פערלירען דעם צוטרוי פון פאלק. און דעריבער קומט עס אז אפילו די בעסערע קריסטען מיידען אויס זיך אנצונעהמען פאר א יודים א קריוודע, אפילו ווען אין הארצען האלטען זיי מיט איהם.

דער אנטיסעמיטיזם האט זיך זעהר טיעף איינגעגעסען אין אייראפא, אז בנוגע צו יודען זענען דערשטיקט געווארען ביי אונזערע קריסטליכע שכנים אלע מענשליכע געפיהלען. דאס אומרעכט, וואס ווערט בעגאנגען צו א יודען, ווערט פון זיי ניט געפיהלט. די יודישע צרות און ליידען ריהרען ניט דאס הארץ פון דעם קריסטליכען בירגער. ער זעהט די יודישע טרעהרען און דעם יודישען יאמער, און ער געהט פאר זיי פארביי גאנץ קאלט און גלייכגילטיג.

די גרויסע אייראפעאישע מלוכות האבען אויף דעם בערלינער קאנגרעס אויסגענומען, אז אין די באלקאנישע לענדער טאר ניט געמאכט ווערען קיין שום אונטערשיעד צווישען די פערשידענע אמונות. די גרויסע אייראפעאישע פעלקער האבען זיך מתחייב געווען אכטונג צו געבען, אז דער בערלינער טראקטאט זאל ריכטיג אויסגעפילט ווערען.

נאר די גלייכע געזעצען פאר יודען זענען געבליבען אין רומעניען אויפ'ן פאפיער. דאס איז אבער נאך ווייניג. די פינסטערע צייטען פון אמאל זענען אויפגעשטאנען פאר די יודען אין רומעניען. אלע צרות און גזרות, וואס מען האט נור געקאנט אויסטראכטען צו פערביטערן דעם יודען זיין לעבען, האבען זיך אנגעהויבען צו שיטען אויף די קעפ פון די רומענישע יודען. מען האט פון זיי צוגענומען איין פרנסה נאך דער אנדערער, מען האט פאר זיי פערמאכט די שולען, מען האט פאר זיי אבגעהאקט פיעל צווייגען פון האנדעל, מען האט זיי פערוועהרט צו זיין ערדארבייטער, מען פערמאכט פאר זיי די פאבריקען און איצט וויל מען אייך צונעהמען פון זיי דאס האנטווערק.

אייראפא זעהט עס אלץ און שווייגט. דאס יודישע פערמעגען ווערט אפען צוראבעוועט אין די גאסען, — און אייראפא, וואס האט זיך מתחייב געווען אכטונג צו געבען, אז די יודען זאלען אויף די באלקאנען זיין גלייך מיט די קריסטען, שווייגט. די יודען האבען אנגעהויבען צו לויפען פון דעם נייעם מצרים. דער יאמער פון די גערודפ'טע האט זיך געהערט איבער גאנץ אייראפא, און קיינעם האבען ניט געארט די צרות פון א פיערטיל מיליאן מענשען, נור דערפאר ווייל די דאזיגע גערודפ'טע מענשען זענען יודען.

נור אמעריקא אליין האט זיך אבגערופען אויף די געשרייען פון די אומגליקליכע יודען. אמעריקא איז א ניי לאנד און איז פ־יי פון פיעל קריינק, וואס נעהען איבער אין אייראפא פון איין דור צום

צווייטען, אמעריקא איז אויך פריי פון דעם פערפוילטען אנטיסעמיטיזם, וואס האט זיך איינגעגעסען טיעף אין די ביינער פון אייראפא. וואס עס ווערט אין אמעריקא געהאלטען פאר גערעכט בכלל, ווערט אויך געהאלטען פאר גערעכט בנוגע צו יודען. וואו עס שלאגט זיך אין אמעריקא א ווארימעס הארץ פאר מענשליכע צרות, שלאגט עס זיך אויך פאר יודישע צרות. דערפאר האט זיך אמעריקא אזוי הייס און אזוי שען אנגענומען פאר די יודען אין רומעניען, בעת גאנץ אייראפא האט צו איהר שאנד געשוויגען און זיך געמאכט ניט זעהענדיג און ניט הערענדיג. אמעריקא האט ניט געקאנט צוזעהן, אז אין א צייט וואס שטאלצירט מיט הויכע אידעאלען, זאל א פיערטיל מיליאן מענשען געיאגט ווערען, ווי אין די פינסטערע, ווילדע צייטען פון אמאל, און אמעריקא פראטעסטירט נעגען רומעניען אין נאמען פון מענשליכקייט, אין נאמען פון יושר. די שפראך, אין וועלכער עס איז געשריבען דער צירקולאר פון דער אמעריקאנישער רעגירונג, איז אזוי ווארים צו יודען; דאס געפיהל פון פראטעסט איז אזוי שארף, אז דער צירקולאר וועט אויף לאנג בלייבען אין דער געשיכטע אלס א שענער דאקומענט פון גערעכטיגקייט און מענשליכקייט. די פעראייניגטע שטאטען געהערען ניט צו די מלוכות, וואס האבען אונטערגעשריבען דעם בערלינער טראקטאט, און לויט די טראקטאטען האבען זיי ניט דאס רעכט זיך אריינצומישען אין רומעניענס פיהרונגען, אבער די געזעצען פון יושר זענען אומעטום גלייך, און אין זייער נאמען טרעט אמעריקא ארויס.

אמעריקא פערלאנגט, אז די איבריגע מלוכות, וואס האבען גענומען אויף זיך דאס התחייבות בנוגע צו די רומענישע יודען, זאלען זייער התחייבות אויספילען. פון די אייראפעאישע מלוכות האט דערווייל נור ענגלאנד געענטפערט — אויך א לאנ׳, וואס איז פון לאנג אן פריינדליך צו יודען.

וואס קען מען פון דער אריינמישונג ווארטען? מיר גלויבען ניט, אז די בעסערע געזעצען, וואס מען וועט מיט געוואלט דורכפיהרען פאר די רומענישע יודען, וועלען האבען א גרויס ממשות. די געפיהלען פון פאלק וועלען דורך דעם בעזער ניט ווער׳ען. די שנאה צו יודען וועט מיט געוואלט ניט קענען דערשטיקט ווערען, און וואו עס איז דא א שטארקע שנאה, וועט זי תמיד זיין שטארקער פאר דאס געזעץ. נאר די אריינמישונג קען פון דעסטוועגען דאך אויף א געוויסע צייט אוועקשטעלען די יודען אין א זיכערערע לאגע און קען זיי ארויסהעלפען דערווייל פון זייער איצטיגער נויט.

מיר יודען וואס לעבען תמיד אין צרות, זענען וועניג פערוועהנט. חיי שעה איז פאר אונז אויך וויכטיג. אין דער שטענדיגער פינסטערקייט איז א העלער שיין, חאטש אויף א ווילע, אויך גוט. דעריבער קענען מיר אמעריקא׳ס פראטעסט אננעהמען נור מיט שמחה און דאנק.

אמעריקא׳ס פראטעסט האט פאר אונז נאך א גרויסען ווערט. ער איז אונז טייער דורך דעם כבוד, וואס ער לעגט אויף יודען. ער וועט געוויס אומעטום אויפמונטערן אונזערע פריינד און פערשעמען אונזערע שונאים.

צי וועט אמעריקא אויספיהרען אדער ניט, — דאס איז איין אנדער זאך. אבער מיר וועלען תמיד געדענקען צו גוטען דאס פריינדליכע ווארט, וואס אמעריקא האט גערעדט פאר אונז. מיר זעהען אזוי זעלטען א פריינדליכע מינע און הערען אזוי זעלטען א פריינדליך ווארט, אז אמעריקאס איידעלער און הייסער פראטעסט וועט ביי אונז קיין מאל ניט פערגעסען ווערען.

י. ל.

---

### דער צירקולאר פון דער אמעריקאנישער רעגירונג צו די אייראפעאישע מלוכות.

דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאטען — זאגט דער צירקולאר — וויל, אז די אייראפעאישע רעגירונגען זאלען זיך פער־

---

# פעלעטאָן.

## פון יענער זייט קאנגרעס.

באזעל, לאנדאן און — — — מינסק! אין פלוג איז דאס אביסיל הארבליך, אז מינסק, א ליטווישע שטאדט, מיט ניט זעהר קיין שענער רעפוטאציע, ווי עס איז בעוואוסט פון איהר „צונאמען“, זאל האבען אזא כבוד, צו זיין פערשריבען אין דער געשיכטע פון ציוניזם! נאר מען זעהט, אז אפילו יודישע שטעדט דארפען אויך האבען מזל. אוודאי זענען אין ליטא פארהאן שטעדט מיט שענערע נעמען, למשל: ווילנא, וואס איהר יחוס איז שוין לאנג ידוע מיט איהר נאמען „ירושלים דליטא“ — אט אין דער ווילנא דארף גאר זיין עפיס א וואכעדיגע אויסשטעלונג פון „בויער־ווירטשאפט“, וואס דאס פאסט אזוי פאר „ירושלים“, ווי פאר א רעביצען א רויטע פאטשיילע... און מינסק, מיט איהר „צונאמען“, וואס עס פלאמט פון איהם דאס פנים, דארף צונעמען אזעלכע שענע, איידעלע געסט, ווי די דעלעגאטען, די סמעטענע פון ציוניזם, אין מינסק זאל נאר איינשטעהן דער חת;... מזל! נור מזל!

און זאלען די אפיקורסים זאגען, אז די וועלט פיהרט זיך מיט דער טבע!...

מילא בעשרייבען אייך, וואס איז פארגעקומען אויפ׳ן „קאנגרעס“ אין זאל פאריז אינוועניג, רעכען איך פאר איבעריג. געניג וועלען אייך אנדולען דערמיט א קאפ די קארעספאנדענטען, וואס מען האט ספעציעל געשיקט אהער אלץ צו בעקוקען, ארומזעהן, אויסהערען און בעשרייבען עס אלץ מיט אלע פיטשיוועקס, אזוי אז עס וועט קלעקען פאר די בלעטער מזונות אויף א האלב יאהר, אויב ניט מעהר... קארעספאנדענטען זענען דא קיין עין־הרע געניג. אפילו דער „הדגל“, וואס לעבט אין לאנדאן און האלט ביים גוס׳ן אין רוסלאנד, ניט האבענדיג קיין טוץ אבאנענטען, האט אויך א קארעספאנדענט געשיקט, ווי ער וואלט וועלען דערמיט ראטעווען דעם „הדגל“ פון א פריהצייטיגען טויט. מילא, לאכען דערפון איז ניטא וואס — א נוטה־למות חאפט זיך פאר אלערליי סגולות... שטארבען ווילט זיך קיינעם ניט, א בלאט וויל אויך לעבען, ניט אומזיסט האט יונה הנביא געמאכט אזא טרויריגען הספד, אז זיין „בלאט“ האט סך־הכל געלעבט נור איין טאג...

איז בכן זענט איהר שוין בעוואהרענט, אז דאס וואס אינוועניג אין זאל פאריז וועט פארקומען, וועט קיין סוד ניט בלייבען, פון אלץ וועט איהר וויסען, אפילו יעדער קלאפ מיט׳ן האמער, וואס דער פרעזעס וועט געבען, וועט ראפארטירט ווערען, ווייל א קלאפ מיט א האמער איז א שורה און פאר א שורה צאהלט דער רעדאקטאר מיט דער ברייטער האנד — גאנצע זעקס גראשען, און זעקס גראשען געהען ניט בארוועס...

ווי אזוי וועט איהר אבער וויסען, וואס עס געהט פאר הינטערן זאל, ביי די וואנד, ביי די פענסטער, ביי דער טהיר?

אז דער קארעספאנדענט זעצט זיך אוועק אויף זיין ארט, מוז ער שוין זיצען, ארויסגעהן טאר ער ניט. טארען טאר ער ניט דערפאר, ווייל ער קען דורכלאזען אפאר ווערטער פון די רעדנער, אדער א „הידד“ פון פובליקום, און זיין „בלאט“ קען איהם דערפאר קנס׳נען. די יודישע פרעסע קוקט אפילו בכלל ניט אזוי נאך, נאר דאס איז אלץ געשמועסט אין וואכעדיגע שטילע טעג, אבער אין אזא „הרת־עולם“, ווי דער קאנגרעס, ווערען אלע רעדאקטארען פערוואנדעלט אין גרויסע קפדנים און דער בעסטער רעדאקטאר קען שרייבען צום קארעספאנדענט: וואו איז דער „הידד?“ דער הידד וואו איז?...

און הינטער דעם זאל איז פארהאן אויך וואס צו זעהן, וואס צו הערען און קיין קארעספאנדענטען זענען דא ניטא. עס זאל בלייבען אזוי

נעהמען מיט דער יודישער פראגע אין רומעניען; ער האפט, אז זיינע ווערטער ווילען ניט זיין אומזיסט און אז די רעגירונגען ווילען נויטהען רומעניען איבערצוקוקען און אין גאנצען איבערצומאכען איה־ע געזעצען בנוגע צו יודען. די פעראייניגטע שטאטען נעהמען אן גערן איצט אזוי ווי פריהער אלע אויסלענדער, וואס קומען צו זיי מיט זייער אייגענעם רצון און וועלכע קענען זיך צוזאמענשמעלצען מיט דער אמעריקאנישער מלוכה. די רעגירונג ניט די אריינגעפאהרענע דיזעלבע רעכטע, וועלכע עס האבען די היימישע אמעריקאנער. אמעריקא לאזט כמעט אלעמען פריי אריין ביי זיך. זי פערמאכט איהרע טויערען נור פאר גאנץ ארימע, אדער פאר מענשען, וואס טויגען ניט צו קיין ארבייט אדער פאר מענשען, וואס האבען אני'אנשטעקענדע קראנקהייט אדער א קראנקהייט, וועלכע קען ניט אויסגעהיילט ווערען. פאר אמעריקא איז קודם כל וויכטיג, אז די וואס קומען אהין, זאלען קומען פריי מיט זייער אייגענעם רצון, דערפאר דארף זי זיך בעווארענען פון אזוינע עמיגראנטען, וואס פערלאזען זייער פריהערדיגע היים נור דורך רדיפות. אמעריקא וויל, אז די עמיגראנטען זאלען קענען זיך איינלעבען ביי איהר און אז די מלוכה זאל קענען בליהען צוזאמען מיט דעם גליק פון איהרע איינוואהנער, אמעריקא וויל אבער ניט מאכען איהרע שטעדט צו ערי־מקלט, וואוהין יעדע מלוכה זאל קענען ארויסווארפען יענע מענשען, וועלכע זי וויל ביי זיך ניט האבען.

דער בערלינער טראקטאט האט ארויסגערופען אין אמעריקא א גרויס צופרידענהייט, ווייל זי האט תמיד געהאלטען די גלייכע רעכטע פאר דעם איינציגען ריכטיגען אויסוועג פון דער שווערער לאגע, אין וועלכער די יודען האבען זיך בעפונדען אויף די באלקאנען. די רעגירונג פון די פעראייניגטע שטאטען האט זיך געפרעהט פון גאנצען הארצען מיט דעם פונקט, וואס רעדט אויס, אז אין רומעניען זאל קיין אונטערשיעד ניט געמאכט ווערען צווישען איין אמונה און דער אנדערער.

נאר די רומענישע רעגירונג האט דאס דאזיגע געזעץ מיט דער צייט אין גאנצען אומגעדרעהט. די רומענישע יודען קענען ניט פערנעהמען קיין שטעלען ביי דער רעגירונג, זיי איז פערווערט צו זיין אדוואקאטען, עס ווערען געמאכט שווירינקייטען פאר זייערע דאקטוירים, זיי טארען קיין ערד ניט קויפען און טארען אפילו זיך ניט אנדינגען צו ארבייטען אויף פרעמדער ערד; אין דערפער איז זיי פערווערט צו וואהנען. פיעל מלאכות און געשעפטען זענען פאר זיי פערבאטען. אין די שטעדט, וואו זיי פערנעהמען זיך מיט מלאכות, קען מען יודישע ארבייטער צונעהמען נור מיט א געוויסען פראצענט. ניט האבענדיג קיין מיטלען ווי זיך צושאפען היונה, בלייבט זיי ניט קיין אנדער אויסוועג, ווי ארויסצופאהרען אין אנדערע לענדער.

די געשיכטע און דער נסיון פון דעם אמעריקאנישען פאלק האבען געוויזען, אז די יודען האבען אלע גוטע מעלות פון גוטע בירגער, און קיין פאלק קען ניט האפען פריינדליכער אויפגענומען צו ווערען פון אמעריקא ווי דאס יודישע פאלק. אבער די וואשינגטאנער רעגירונג קען ניט בלייבען גלייכגילטיג צו א אומרעכט, וואס ווערט בעגאנגען צו א גאנצען פאלק. זי האלט פאר איהר חוב ארויסצוזאגען אפען פאר דער גאנצער וועלט, אז דאס רומענישע בענעהמען זיך מיט יודען איז א גרויס אומרעכט. אמעריקא פראטעסטירט ניט דערפאר, וואס פון די רומענישע רדיפות קומען פאר איהר ארויס ניט קיין גוטע רעזולטאטען, נאר אמעריקא פראטעסטירט אין נאמען פון גערעכטיגקייט און מענשליכקייט.

די פעראייניגטע שטאטען קענען ניט ארויסגעהן מיט פאדערונגען אין נאמען פון בערלינער טראקטאט, ווייל אמעריקא געהערט ניט צו

---

ניט בעשריבען, איז ממש א ווינד פאר דער געשיכטע פון ציוניזם. האב איך מיר בעשלאסען אלעס צו בעשרייבען און דערמיט פולער מאכען (און אפשר אייך אינטערעסאנטער) די געשיכטע פון ציוניזם.

---

די גאס, וואו דער זאל פאריז געפינט זיך, איז שווארץ. דאס הויז, וואו דער זאל געפינט זיך, איז בעלעגערט מיט מענשען, פונקט ווי א פעסטונג, אויף וועלכער עס זענען שונאים בעפאלען און מען וויל זי צושמעטערען, מען קריכט אויף די וואנד, מען הענגט זיך אויף די פענסטער, מען פאלט צוריק אראב און ווי אמת'ע גבורים קריכט מען ווייטער, נאך אמאל. דאס בלוט קאכט!...

אנדערע ווילען אונטערקויפען די „שומרי הסף", די שווייצארען, נאר יענע זענען צו עהרליך און ווילען ניט מורד זיין במלכות און לאזען אין פעסטונג ניט אריין.

און די פעסטונג, ד. ה. דעם זאל „פאריז" בעלעגערען וואס ווייטער אלץ נייע מענשען, און עס איז שיער ניט צו דערשטיקט ווערען, מען געהט אויף קדוש־השם! יעדער וויל זעהן, וויל חאפען א קוק.

יא! די קאנגרעסען אין באזעל, אין לאנדאן זענען געווען גרעסערע, אבער אלץ אינעווייניג, אין זאל גופא. הינטער די טיהר אבער, אויף דרויסען, איז דער קאנגרעס אין מינסק איינער פון די גרעסטע וועלט־קאנגרעסען!

און עס איז קיין וואונדער ניט.

מינסק איז א שטאדט אהן פאבריקען, אהן פרנסה און אהן עין־הרע מיט א סך יודען! דער קאנגרעס, ווייסען זיי, האט בדעה צו פערבעסערן די לאגע, זעהן עפיס איין עצה: עס זענען אהער צוליעב דעם געקומען אזעלכע קעפ־מענשען, דאקטוירים, אדוואקאטען, אלץ אזעלכע מענשען, וואס קענען טהון, אז זיי זאלען נור ווילען...

און יעדער וויל א קוק טהון, זעהן די גרויסע לייט, וואס פאר א פנים האבען זיי, צי ליגט אויף זיי יודישקייט, ווי שטעהען זיי, צי רעדען זיי מיט א ניגון ווי א מגיד, אדער ווי א פריסטאוו לעוט א פראטאקאל... היינט זענען דארטען אין זאל נקבות אויך דא... וואס זענען דאס פאר מיני־בערען?... נקבות צו העלפען דעם כלל ישראל! — משיח'ס־צייטען! עס איז עפיס אלץ אזוי משונה, אזוי טשיקאווע, און מען קען גאר נישט זעהן, גאר נישט!...

און אנדערע ווערען אביסיל אין כעס. עפיס דאס ניט אריינלאזען איז אביסיל גראבליך. סטייטש, יודען זאלען יודען ניט אריינלאזען. זיין אין גלות ביי יודען איז עפיס פערדריסליך, אמת, דו נעהסט א צילענדער, אבער א יוד ביזטו דאך, ווי מיר, היינט וואס מאכסטו די גאוה, דו יא — און איך ניט.

— געקומען צו אונז אין שכנות — זאגט פערדריסליך א שניידער, וואס האט שוין אויסגעלונקען א פוס קריכענדיג צום פענסטער — און טרייבען אונז! עס איז א העזה.

— ווער הייסט דיר זיין א שלים־מול! — ענטפערט איהם א צווייטער — אט איז יענקיל דער הויכער אריין.

— ווי אזוי?

אלע שטעלען אן די אויערען הערען ווי אזוי, אפשר וועט זיי אויך געלינגען.

— ווי אזוי? גאר פראסט — ניט ער צו פערשטעהן — ער האט זיך שען אויסגעפוצט, ווי א „דאלינאט", געקויפט א „מגן־דוד'ל" מיט א בלומעלע, אין האנד האט ער געהאלטען א פאפיער, ווי א בילעט און האט זיך אריינגעחאפט.

— א חוואט! — לויבען אלע און אין זייערע אויגען צינדט זיך אן א פייעריל פון קנאה.

די מלוכות, וואס האבען אונטערגעשריבען דעם ראזינגען טראקטאט, אבער אמעריקא טרעט ארויס אין נאמען פֿין נערעכטיגקייט, וואס איז אויך אוועקגעלעגט נעווארען צום יסוד פון דעם בערלינער טראקטאט. צום סוף זאגט אמעריקא ארויס איהר וואונש צו העלפֿען יענע אייראפעאישע מלוכות, וועלכע וועלען מוסכם ווערען צו נויטהען די רומענישע רעגירונג אז זי זאל פֿערבעסערן די לאגע פֿון איהרע יודישע איינוואהנער.

---

## פאליטישע איבערזיכט

עלזאס און לאטהרינגען.— א מיניסטער מיט א לאנגער צונג.— די פֿינאנצען אין רוסלאנד.

די פֿראנצויזישע מדינות עלזאס און לאטהרינגען ווערען וואס ווייטער אלץ מעהר פֿערדייטשט. די צאהל דייטשע איינוואהנער ווערען אין זיי אלץ פֿערגרעסערט. די דייטשע רעגירונג זוכט מיט אלע מעגליכקייטען צו פֿערשטארקען אין דיביידע איינגענומענע מדינות דעם דייטשען. גייסט און די דייטשע שפראך. די דרייסיג יאהר, וואס דייטשלאנד געוועלטיגט איבער זיי, זענען ניט אוועק אומזיסט. די לעצטע ציפֿערן ווייזען, אז דייטשען געפֿינען זיך שוין אין עלזאס און לאטהרינגען אין דעם ערך פון 10 פראצענט. אין מעץ, וואס איז מיט 30 יאהר צוריק געווען אין גאנצען א פֿראנצויזישע שטאדט, זענען איצט דא דייטשען צוויי מאל אזוי פֿיעל ווי פֿראנצויזען. מיט 30 יאהר צוריק האבען די פֿראנצויזען פֿערלאנגט, אז מען זאל אנפֿרעגען די איינוואהנער פֿון עלזאס, צו וועמען זיי ווילען געהערען: צי צו דייטשלאנד אדער צו פֿראנקרייך. דעמאלט זענען זיי געווען טיעף איבערצייגט, אז די איינוואהנער וואלטען קיין אנדער תשובה ניט געגעבען ווי לטובה פֿון פֿראנקרייך. היינט איז שוין אנדערש געווארען, און די פֿראנצויזען וואלטען שוין אליין מורא געהאט זיך צו פֿערלאזען אויף דעם פֿערלאנג פֿון די איינוואהנער.

ביי אזא ענדערונג איז געוויס קיין וואונדער ניט, או די וואונד, וואס פֿראנקרייך איז איבערגעבליבען נאך דער מלחמה מיט דייטשלאנד, הויבט אן צו פֿערגעהן. דער מענש געפֿינט תמיד א טרייסט אין דעם, וואס אנדערש קען שוין ניט זיין. און אויך די פֿראנצויזען הויבען אן רוהיגער צו ווערען צו זייער אמאליגען אומגליק, ווען זיי זעהען, אז זייערע מדינות זענען אויף אייביג פֿערלארען. דער דייטשער קייזער נוצט אויס יעדע געלעגענהייט ארויסצוווייזען זיין פֿריינדשאפֿט צו פֿראנקרייך, און מען מוז מודה זיין, אז מיט זיינע בעמיהונגען האט ער אויך פֿיעל דערנעהנטערט צו זיך פֿראנקרייך. פֿיעל יאהרען נאך אנאנד האט אייראפא זיך געשראקען פֿאר א מלחמה, וואס האט געקאנט לייכט זיך אנצינדען ביי דער ברענענדיגער שנאה צו דייטשלאנד. אבער מיט יעדען יאהר ווערט איצט די סכנה פון א מלחמה אלץ שוואכער. די געפֿיהלען אין פֿראנקרייך האבען זיך שטארק געביטען. מיט עטליכע יאהר צוריק האט מען איינגעלאדען די בעריהמטע פֿראנצויזישע ארטיסטקע שרה בערנאר (א יודען), זי זאל קומען שפיעלען אין בערלינער טהעאטער. דערויף האט זי געענטפֿערט: זאל מען אבגעבען פֿראנקרייך צוריק עלזאס און לאטהרינגען, וועט זי קומען קיין בערלין. איצט האט די גרויסע יודישע ארטיסטקע ווידער געקראגען איין איינלאדונג צו שפיעלען אין בערלינער טהעאטער, און איצט האט זי די איינלאדונג אנגענומען. שרה בערנאר פֿענעמט זיך ניט מיט פאליטיק. אבער איהר ענטפֿער דעמאלט און איהר הסכם איצט ווייזט אונז, ווי מען האט אין פֿראנקרייך פֿריהער געקוקט אויף דייטשלאנד און ווי מען קוקט אויף איהם איצט. ווען דער שלום צווישען פֿראנקרייך און דייטשלאנד האט זיך נעקאנט האלטען אזוי לאנג, האבען מיר עס נור

---

— עט, ס'איז נאר איין עבירה די צייט, וואס מען שטעהט דא! — זאגט נאך איינער, ווי צורייצט — אט געהט בעסער אהיים, נעמט זיך צו דער ארבייט! — ווענדט ער זיך צום שניידער.

— פֿון ארבייט האט מיך שוין גאט בעהיט! — ענטפֿערט דער שניידער מיט א ביטערן שמייכעל און גיט א קוק אויף דער קליאפע, וואו עס שטעקט א נאדעל מיט פֿאדעם.

— איהר האט גאר קיין ארבייט ניט?

— לגמרי ניט! שוין א גאנצען זומער, או איך. געה לעדיג.

דאס רעדיל ווערט ווי אומעטיג, ווי זיי וואלטען רחמנות געהאט אויפֿ'ן שניידער, וואס ניט האבענדיג קיין ארבייט האט אודאי קיין ברויט ניט. די בלאהע רעדער אונטער זיינע אויגען זענען נוטע עדות דערויף...

— עס וואלט געווען א יושר אריינצוגעהן אויף א מינוט, הערען וואס רעדען זיי דארטען — רופֿט זיך אן איינער — מען זאגט, אז זיי זענען שארפֿע רעדערס.

— זיי „זאגען" דאך אויף רוסיש — סטראשעט איינער.

— פֿארהאן יודישע זאגער אויך. איהר מיינט, זיי קענען קיין יודיש ניט? אהא, פֿארהאן צווישען זיי גרויסע למדנים!

— מען זאגט, אז זיי וועלען רעדען מכח יודישע בעלי־מלאכות, ווי צו פֿערבעסערן זייערע לאגעס.

— עט — ניט א מאך דער שניידער מיט דער האנד — וואס קענען זיי העלפֿען. אז עס איז ניטא קיין מלאכה, העלפֿט קיין עצה ניט. מען האט שוין עטליכע מאל געמאכט דא „קאמיטעטען" צו העלפֿען בעלי־מלאכות און עס איז בלאטע. דער עיקר איז ארבייט!

— וואס גלייכט איהר היגע קאמיטעטען צו דער חברה? אז זיי קענען ש מ ו ע ס ע ן וועגען קויפֿען ארץ־ישראל, וועלען זיי אלץ קענען.

— וואס? זיי ווילען טאקי קויפֿען ארץ־ישראל? — פֿרעגט א יודיל מן הצד — עפים איז ביי מיר די גאנצע מעשה, ווי א קינדער־שפיעל...

— וואס דען מיינט איהר? ס'איז ניט קיין קינדער־שפיעל! ד"ר הירשעל איז א מענש, וואס קאטארי פֿערשטעהט אין ענין, ער איז שוין צוויי מאל ביים טערק געווען.

— דער טערק וויל אבער ניט פֿערקויפֿען — זאגט א יוד מיט א באָרד.

— שייך ער וויל ניט! זיי זענען נאך ניט משוה געווארען! נישקשה! מען וועט איהם אוועקלעגען א דריי פֿיער צעהנדליג מיליאן, פֿערקויפֿט ער! געלד איז א יצר־הרע...

— ע, ע! שטימט איין נאך א יוד — פֿאר דריי־פֿיער מיליאן פֿערקויפֿט ער. דער טערק זאגט מען, איז איצטער ניט אזוי תקיף אין מעמד, עפים א קלייניגקייט זיין הוצאה! אויסהאלטען א חצר־המלך!

— איך ווייס טאקי ניט, ווי אזוי קומט ער דורך מיט זיין הוצאה? — וויצעלט זיך נאך א יוד — איך האב א יי ן ווייב, האב איך קיינמאל ניט אויף שבת, א פשיטא שוין, אז ער האט א הונדערט ווייבער... איך בין איהם ניט מקנא.

— און איך בין איהם דוקא מקנא! — זאגט א יונגער שניידעריל, מיט א לוסטיג פֿייעריל אין די אויגען.

— עט, נעלעכטער אהן א וויטש! דא שמועסט מען וועגען העלפֿען דעם כלל ישראל — עס איז ניט קיין ווערטעלע.

— עס פֿערשטעהט זיך — בעשטעטיגען פֿיעלע.

און דער עולם הינטערן זאל רעדט ארום דעם גאנצען ענין וועגען ציוניזם, יעדער זאגט זיין פשטי'ל, ווייזט אויף, ווען קען דאס געענדיגט ווערען, ביז עס דערהערט זיך א פאטשעריי פֿון זאל. אלע ווארפֿען זיך צוריק

צו פֿערדאַנקען די קלוגע פּאָליטיקער פֿון דיביידע מלוכות, וועלכע האָבען זיך געסטאַרעט אויסצומיידען אַלע שוועריגקייטען, וואָס זענען געווען אויפֿ'ן וועג פֿון שלום. אי פֿראַנקרייך, אי דייטשלאַנד שעצען זעהר הויך דעם שלום, וואָס איז אויפֿגעהאַלטען געוואָרען מיט פֿיעל מיה. דאָס ווייסען אַלע אין פֿראַנקרייך, און דאָך קענען זיך געפֿינען פֿראַנצויזישע מיניסטאָרען, וועלכע האָבען אַ צו לאַנגע צונג און רעדען אַזוינע זאַכען, וועלכע קענען ווערען געפֿעהרליך פֿאַר דעם שלום אין אייראָפּאַ.

דער פֿראַנצויזישער קריעגסמיניסטער האָט געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געלויבט דעם פֿראַנצויזישען חיל און האָט דערביי געזאָגט, אַז דער חיל דאַרף זיין גרייט אין יעדער מינוט אויפֿצוהויבען זיין געוועהר געגען די פֿיינדליכע שכנים. ווען די לעצטע ווערטער זענען געווען געזאָגט ניט בעקלערטערהייט, האָבען זיי דאָך אָבער ניט אַזוי קלאָר אַרויסגעקלונגען געגען דייטשלאַנד, ווי די רעדען פֿון זיין חבר, דעם מיניסטער פֿון פֿלאָט, ה. פּעלעטאַן. דער לעצטער האָט אפילו געמאַכט איין הקדמה צו זיין רעדע און האָט געזאָגט, אַז ער איז נאָך גאָר ניט לאַנג מיניסטער און ווייס נאָך ניט, וואָס מען מעג רעדען און וואָס מען טאָר ניט. אָבער ער האָט זיך אַזוי פֿעררעדט, אַז ער האָט גאָר אין גאַנצען פֿערגעסען, וואו ער האַלט אויף דער וועלט. ער האָט ניט מעהר און ניט וועניגער געזאָגט, אַז פֿראַנקרייך דאַרף זיין גרייט צו דער הייליגער מלחמה, כדי זיך נוקם צו זיין פֿאַר די ווילדקייט פֿון דייטשלאַנד, מיט וועלכער זי האָט גובר געווען פֿראַנקרייך. פּעלעטאַן האָט אין זיין רעדע אָנגעריהרט אויך איטאַליען, מיט וועלכער פֿראַנקרייך סטאַרעט זיך פֿון לאַנג אָן צו לעבען בשלום, כדי זי אָבצורייסען פֿון דעם בונד מיט דייטשלאַנד.

פּעלעטאַנס רעדע איז גלייך איבערגעכאַפּט געוואָרען און פֿערבּרייטעט געוואָרען מיט אַ סך גוזמאות אין אַלע נאַציאָנאַליסטישע בלעטער. די בעסטע פֿראַנצויזישע צייטונגען האָבען שאַרף קריטיקירט דעם מיניסטער, וועלכער וויל מאַכען צו נישט די בעמיהונגען פֿון אַ גאַנצען דור מענשען וואָס האָט זיך געסטאַרעט איינצוהאַלטען דעם שלום אין אייראָפּאַ. פּעלעטאַנס רעדע האָט אויך אַרויסגערופֿען אַ גרויסע מהומה אין אויסלאַנד. מען האָט געזאָגט, אַז פּעלעטאַן און אַנדערע וועלען פֿאַר זייערע ניט פּאַסעדיגע דרשות זיך מוזען אָבזאָגען פֿון זייערע שטעלען. נאָר פּעלעטאַן האָט זיך געאיילט און געהאַלטען ווידער אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט זיך געסטאַרעט צו פֿערריכטען דעם פֿעהלער, וואָס ער האָט געמאַכט. אין זיין נייער רעדע האָט ער ערקלערט, אַז ער האָט ניט געמיינט צו בעליידיגען ניט דייטשלאַנד און ניט איטאַליען. אדרבה, ער איז דער גרעסטער פֿריינד פֿון שלום. אַ מלחמה וואָלט ער געהאַלטען פֿאַר דאָס גרעסטע אומגליק. פּעלעטאַן האָט דורך אַ דעפּעש אויך איבערגעבעטען די איטאַליענישע רעגירונג, אָבער אין גאַנצען איינגעשטילט די מהומה האָט ערשט דער מיניסטער־פּרעזידענט ה. קאָמב. אין אַ רעדע, וואָס ער האָט איצט געהאַלטען, האָט ער ערקלערט, אַז די פֿראַנצויזישע פּאָליטיק האָט זיך ניט געביטען אויף אַ האָר. פֿראַנקרייך לעבט אין פֿריינדשאַפֿט און אין שלום מיט אַלע מלוכות. פֿאַר די פּאָליטיק טראָגט די אחריות נור דער מיניסטער פֿאַר אויסלאַנד, ה. דעלקאַסע, און אַליין, וואָס אַן'אַנדער מיניסטער רעדט פֿון פּאָליטיק, איז עס נור אַ פּריוואַטע מיינונג און ניט די מיינונג פֿון דער רעגירונג. דעריבער דאַרף מען זיך ניט אַזוי שאַרף רעכענען מיט די פּאָליטישע רעדען פֿון אַנדערע מיניסטאָרען, בפרט ווען זיי געברויכען די אָדער יענע מליצה, כדי אויסצופּוצען זייערע דרשות.

צו די פֿענסטער, הויבען אָן קלעטערן, פֿאַלען אַראָב און ווערען בייז און אויפֿגעבראַכט.

— מען זאָל גאָר נישט קענען זעהן! — קלאָגט זיך יעדער... פֿע, הלשות!

און אַזוי געהט איבער דער ערשטער טאָג, דער צווייטער, דער דריטער... די האָפֿנונג אַריינגעהן אינוועניג ווערט אַלץ שוואַכער, שוואַכער, ביז מען בלייבט צוגעוועהנט און צופֿריעדען האָטש ביים הויז שטעהן. דאָ איז טאַקי אויך ניט שלעכט. די טעג זענען וואַרימע, די זון שיינט אַזוי פֿריינדליך און האַרציג, ווי זי וואָלט זיך געסטאַרעט מקבל־פּנים זיין די געסט וואָס בעסער, וואָס וואַרמער.

דערצו האָט מען נאָך אַ טרייסט, אַז די גבירים, די מינסקער גבירים, וואָס האָבען אַ שם אין דער וועלט מיט זייער איידעלקייט... אפילו זיי לאָזט מען אויך ניט אַריין. עס העלפֿט ניט זייער וואַרפֿען זיך מיט פֿינף־רובעל'דיגעם. „וואו זענט איהר פֿריהער געוועזן?" פֿרעגט מען זיי. און זיי האָבען טאַקי ניט וואָס צו ענטפֿערן, ווייל פֿריהער האָבען זיי פֿון ציוניזם ניט אַזוי שטאַרק געהאַלטען. אַלערליי אַקציעס האָבען זיי געקויפֿט, נאָר ניט די אַקציעס פֿון דער יודישער קאָלאָניאַלבאַנק.

און אויפֿ'ן קאָנגרעס הינטער דער טיהר פֿערגעסט מען וועגען דעם אויך ניט צו שמועסען.

— וואו זענען דאָס אונזערע גבירים? פֿאַר וואָס זעהט מען זיי ניט?

— מען לאָזט זיי ניט אַריין!

— זיי זענען קיין ציוניסטען ניט!

— איך קוועל אויף זיי!

— זיי מיינען, אַז אומעטום איז פֿאַר זיי אָפֿען! מאַכט רש"י — דאָ אויפֿ'ן קאָנגרעס ניט! ביי דער טיהר — יאָ, מיט'ן גרעסטען כבוד!... קומט גבירים'ליך צו אונז, צו דער טיהר! נישקשה, עס מעג אייך אָנשטעהן!...

און אַזוי וויצלען זיך די מינסקער קבצנים איבער די גבירים, וועלכע די קבצנים, ווי דער שטיינער איז, האָבען שטאַרק פֿיינד. און פֿאַר וואָסערע גוטע מעשים זאָל מען זיי טאַקי האָלד האָבען?...

---

דער פֿינפֿטער טאָג: איז אַ רעגענדיגער און דאָס ווירקט אויפֿ'ן קאָנגרעס הינטער דער טיהר. עס זענען שוין דאָ וועניגער מענשען, עס איז שוין ניטאָ דאָס פֿריהערדיגע שטופּעניש, מען שטעהט איינגעטולעט די קעפּ און מען רעדט שטילער, געלאַסענער און דאָס שמועסען איז עפּיס עהנליך אויף אַ שטילען קלאָגען זיך... אומעטיג אויפֿ'ן גאַס, אומעטיג אויפֿ'ן האַרצען...

— היינט, זאָגט מען, איז דער לעצטער טאָג? — זאָגט איינער — מען וועט שוין אַ פּנים אינוועניג ניט אַריין.

— ניין! — ענטפֿערט אַ צווייטער — מאָרגען וועט נאָך אויך זיין! אפֿשר וועט מאָרגען נאָט העלפֿען אַריינכאַפּען זיך.

— עט, שוין פֿערפֿאַלען! — איז זיך אונזער בעקאַנטער שניידער מיאַש — מילא ניט אַריינגעהן יאָ אַריינגעהן, עס אַרט מיר שוין ניט. איך בין דאָך ניט קיין יונגעלע. איך וואָלט נור וועלען וויסען וואָס האָבען זיי אויפֿגעטהון, צי וועט טאַקי ווערען בעסער?

— מסתמא, אַז מענשען קומען צופֿאָהרען און מען טהוט, וועט דאָך עפּיס אַרויסקומען. מען איז זיך אַזוי פֿיעל מרבה הוצאה!

— הלואי, רבונו של עולם! ווינשען צו עטליכע אויף איין קול...

דאָס רעגענדיל קאַפּעט קאַלטער און טרויריגער. דער שניידער הויבט אויף די אויגען צום הימעל און זאָגט אומעטיג:

— פֿע! קאַלט און רעגענדיג!...

— ניין! — זאָגט אַ צווייטער — זעהסט דאָרטען, אין יענער זייט הימעל, לויטערט זיך...

— יאָ, יאָ! שטימען איין עטליכע.

און זיי שטעהען און וואַרטען...

י. אָרמאָנט.

דערמיט האט זיך דער ענין, וואס האט אנגעמאכט אזוי פיעל לארים, גליקליך געענדיגט.

אין רוסלאנד איז געווארען 10 יאהר, ‏ינט ה. וויטע איז דער פיהרער פון פינאנץ־מיניסטעריום. אין דעם מ״ך פון די 10 יאהר האט ה. וויטע אזוי הויך אוועקגעשטעלט די פיהרונג פון די רוסישע פינאנצען, אז ער ווערט איצט אומעטום אנגענומען פאר דעם פעהיגסטען פינאנסיסט אין רוסלאנד. דער האנדעל און פאבריקאציאן זענען אונטער זיין שוטץ שטארק אויסגעוואקסען. די הכנסות פון דער רעגירונג זענען געשטיגען, די הכנסות שטייגען תמיד איבער די הוצאות, האטש די יעהרליכע הוצאות זענען איצט דאפעלט אזוי גרויס, ווי מיט 10 יאהר צוריק. ה. וויטע האט אוועקגעשטעלט אויף פעסטע יסודות דאס רוסישע געלד. דער קורס אויף רוסישען געלד שטעהט איצט שטענדיג אויף איין הויך. אין רוסלאנד זענען אויך איינגעפיהרט געווארען גילדערנע און זילבערנע מטבעות, בעת מיט 10 יאהר צוריק האט מען קיין אנדער געלד חוץ פאפירען אין רוסלאנד ניט אנגעזעהן. ווייטער געהערט צו די פערדינסטען פון ה. וויטע, וואס ער האט דורכגעפיהרט די מאנאפאל אויף בראנפען און דערמיט פערקלענערט די שכרות פון פאלק. נאר פאר דאס גרעסטע פערדינסט מוזען גערעכענט ווערען די פיעל אייזענבאהנען, וואס עס זענען אונטער זיין צייט אויסגעבויט און אויסגעקויפט געווארען פון פריוואטע מענשען אדער חברות. י. ל.

---

## ד״ר יצחק רילף.

פרייטאג, דעם 17 אלול, איז פלוצלינג געשטארבען דער אויסגעצייכענסטער פון אלע דייטשע ראבינער, דאקטאר יצחק רילף ז״ל.

מיר זאגען „דער אויסגעצייכענסטער“ גאר אהן א שום גוזמא. אין דייטשלאנד געפינען זיך געווים פיעל גרויסע ראבינער, אבער יעדער איז גרויס נור אין איין פאך; איינער איז א זעלטענער רעדנער — אבער זיין גאנצער כח איז טאקי נור אין רעדען; טהון טהוט ער גאר נישט... דער אנדערער איז א גרויסער געלעהרטער, ער גראבט זיך שטענדיג נור אין ביכער און האנדשריפטען, אבער איהם אינטערעסירט גאר ניט וואס דרויסען טהוט זיך. דער דריטער איז שוין יא א טהוער, אבער נאר פאר זיין געמיינדע, פאר זיין שטאדט; דער כלל יודען געהט איהם נאר ניט אן. אין ד״ר רילף אבער האבען זיך בעהעפט אלע מעלות: א גוטער רעדנער, א גרויסער דענקער, א זעלטענער פילאזאף, און דערצו נאך די נשמה פון אלע צדקה־זאכען פון אלע וואלטהעטיגע הייזער און חברות אין זיין שטאדט. און אויסער דעם — א ענערגישער טהוער אין כלל זאכען, א הייסער פאטריאט, א העלפער אין יעדער נויט, א שטיצער פון הונגעריגע, קראנקע, אבגעברענטע, ארויסגעטריבענע, און אים ענדע פון זיינע יאהרען — איינער פון די גרעסטע און איבערגעגעבענסטע ציוניסטען אין גאנץ דייטשלאנד!

עס איז דעריבער גאר קיין וואונדער ניט, אז דער פלוצים׳דיגער טויט פון אזא זעלטענעם מאן, וואס איז געווען געשעצט און געליבט ניט נור אין זיין שטאדט, אבער ביי אלע יודען אין דער גאנצער וועלט, האט פעראומערט דאס הארץ פון אלע אונזערע ברידער. בעזונדערס איז זיין טויט א גרויסער שאדען, א שווערער קלאפ פאר אונז ציוניסטען, ווייל דורך זיין שטארבען האבען מיר פערלארען איינעם פון די איידעלסטע און געטרייסטע חברים, וואס האט פיעל געטהון און נאך זעהר פיעל געוואלט טהון פאר אונזער הייליגע אידעע.

רילף איז געבוירען געווארען דעם 27־סטען טאג אין שבט תקצ״א (10 פעברואר 1831) אין א קליין דערפיל האלצהויזען, ווייט אנדערהאלבען מייל פון דער גרויסער שטאדט מארבורג.

ווייל ער איז געוועזען זעהר א שוואך קינד, האט איהם דער פאטער ביז עלף יאהר נאר ניט געלאזען לערנען. ערשט נאכדעם האט ער איהם געשיקט אין דער קליינער שולע, וואס די יודען פון פיער דערפליך ארום האבען געגרינדעט. באלד האט דאס שוואכע יונגיל געוויזען, אז אין איהם זיצט א שטארקער גייסט, ער האט זיך אויסגעצייכענט צווישען אלע קינדער מיט זיינע זעלטענע פעהיגקייטען און מיט זיין גרויס חשק צום לערנען.

צו 14 יאהר האט ער שוין אויסגעלערנט די גאנצע תורה פון דער שולע, און דער פאטער, וואס איז געווען א סוחר פון בהמות, האט איהם געוואלט נעהמען אין געשעפט. באלד אבער האט ער איינגעזעהן, אז דאס יונגיל וויל ניט און טויג ניט צום געשעפט; ער זיצט נור טאג און נאכט איבער יעדען ספר, וואס ער געפינט. „איך זעה — האט דער פאטער געזאגט — אז צו זיין א סוחר וועסטו קיינמאל ניט טויגען, בעסער זיי שוין חאטש א לעהרער“. און דער פאטער האט איהם אוועקגעשיקט אין דער שטאדט גודענסבערג, ניט ווייט פון קאסעל, לערנען דארט אין דער קליינער ישיבה פון דעם לאנדס־רב ר׳ מרדכי וועצלאר.

דריי יאהר האט רילף מיט זיינע פינף חברים געלערנט דארט משנה און תלמוד, ביבעל, העברעאישע גראמאטיק און אויך וועלטליכע וויסענשאפטען. דעם פרומען ראש ישיבה איז אפילו ניט־זעהר געפעלען, וואס זיי פערברענגען צייט אויף אנדערע „וואכעדיגע“ למודים, אבער ער איז געווען פיעל טאלעראנטער פון אונזערע ראש־ישיבות, וואס הייסען שלאגען די תלמידים פאר א „טרף־פסול“; ער האט זיי ניט געשטערט, ווייל ער האט פערשטאנען אז א יוד איז אויך א מענש און בעדארף טויגען צווישען מענשען.

צו זיבצעהן יאהר איז רילף געגאנגען אין מארבורג, וואו ס׳איז געווען א יודישע לעהרער־שולע, און האט זיך פארגעברייט צו ווערען א לעהרער. נאך אנדערהאלבען יאהר איז ער געשטאנען צום עקזאמען און טאקי באלד בעקומען א שטעלע: געווארען צווייטער לעהרער אין דער אנפאנגס־שולע פאר יודען אין גודענסבערג.

שוין דאמאלס האט רילף אנגעהויבען העלפען אנדערע און שטיצען נויטבעדערפטיגע. וואו ער האט געזעהן א ארימען אדער פעהיגען יונגען־מאן, האט ער איהם בייגעהאלפען, ער זאל קענען קומען צו עפיס א תכלית, צו לערנען א גוטע פראפעסיע אדער צו שטודירען.

רילף איז אבער ניט געווען צופרידען מיט זיין לעבען און צושטאנד. דאס הארץ האט איהם געצויגען צו עפיס גרעסערס, ער האט געוואלט אליין אויך קומען צו א בעסערן תכלית, איהם האט געצויגען אין אוניווערזיטעט. על כן האט ער גענומען זיך פארברייטען, און דער לעהרער איז אין דער זעלבינער צייט געווען א תלמיד, געלערנט גריכיש, לאטיין און אנדערע למודים פון גימנאזיום, און אין א שענעם פריה־מארגען ווארפט ער אוועק זיין שטעלע, פאהרט אהיים אין דארף, פערשליסט זיך און לערנט טאג ווי נאכט און דען 13־טען נאוועמ־

בער 1854 איז ער שוין אין מארבורג, האלט עקזאמען און קומט אַן אין אוניווערזיטעט.

רילף האט אין אנהויב שטודירט מעדיצין, באלד אבער האָט ער איינגעזעהן, אז ער איז ניט בעשאפֿען פֿאר א דאָקטאר, און ער איז אריין אין די פֿילאָזאפֿישע פֿאקולטעט. און כדי צו האבען פֿון וואנען צו לעבען, האט ער געמוזט אננעהמען די שטעלע פֿון א לעהרער אין דער יודישער שולע אין מארבורג מיט א גאנץ קליינעם געהאלט פֿון 150 טהאלער א יאהר. פֿינף שעה אין טאג האט ער געמוזט לערנען מיט די קינדער און די איבריגע צייט אליין געלערנט. מען קען זיך לייכט פֿאַרשטעלען, ווי פֿיעל און שווער רילף האט געמוזט ארבייטען.

אין יאהר 1857 איז ער געשטאנען פֿאר דער קאמיסיע, וואס עקזאמינירט יודישע רבנים. און האט זיך זעהר אויסגעצייכענט און בעקומען א „היתר הוראה" אדער אַ סמיכה אויף רבנות. שפּעטער מיט אַ יאָהר זעהען מיר איהם שוין אלס טהוער פֿאר'ן כלל יודען אין העססען. דער מיניסטער פֿון אינערן האַסענפליג האט דאמאלס געוואלט צונעהמען ביי די העססישע יודען דאס ביסיל רעכטע, וואס זיי האבען אין יאהר 1831 געקויפֿט פֿאר דרייסיג־טויזענד טהאלער. דער מיניס־טער האט בעפֿאהלען אלע ריכטער, זיי זאלען גוט נאכקוקען אויפֿ'ן יודישען לעבען און איהם מודיע זיין אלע זייערע עבירות, כדי ער זאל קענען אויסווייזען אז יודען זענען נור שעדליך פֿאר'ן לאנד און ניט ווערטה צו געניסען קיין זכות. רילף האט זיך אנגענומען פֿאר זיינע ברידער און האט געשריבען און צוטהיילט זיין ערשטען ספר „וועגען דער גערעכטיגקייט פֿון יודען בכלל, און וועגען דער לאגע פֿון די העסישע יודען בפרט" (געדרוקט אין מארבורג 1858).

ס ף יאהר 1859 איז רילף געווארען לעהרער און פּרעדיגער (דרשן) אין דער קליינער שטאדט ק ע נ י ג ס ה ו י ז ע ן, דריי יאהר איז ער דארט געזעסען און די געמיינדע האט איהם געליעבט, כמעט אויף די הענד געטראגען. דארט האט ער אויך חתונה געהאט. באלד נאך דער חתונה איז ער געווארען רעליגיאנס־לעהרער אין דער יודישער שולע אין ש ו ו ע ר י ן. זיצענדיג דארט האט ער זיך פֿארגעברייט צום עקזאַמען, וועלכען ער האט אויסגעהאַלטען דערנאך אין דער ראשטאקער אוניווערזיטעט מיט דעם טיטעל „דאקטאר פֿילאזאפֿיע".

סוף יאהר 1865 איז רילף געווארען רַבינער און פּרעדינער אין מעמעל, און ערשט דא האט זיך אנגעהויבען זיין אייגענטליך לעבען, דא האט ערשט זיין איידעלע זעלע געפֿונען א פֿרייען פּלאַץ, אויסצושפּרייטען איהרע שענע פֿלינלען. אין א גאנץ קורצער צייט איז ער געווארען די נשמה פֿון זיין געמיינדע, געשטאנען אין דער שפּיץ פֿון אלע מעמעלער געזעלשאפֿטען צו צדקה אדער בילדונג.

אין די יאהרען 1867-68 איז געווען אַ גרויסער הונגער אין מזרח־פּרייסען און אין רוסלאנד ביי דער פּרייסישער גרעניץ. עס איז געווארען אַ קאמיטעט, צו שטיצען די הונגעריגע. דער דייטשער קראָנ־פּרינץ אליין איז געווען דער ראש פֿון קאמיטעט, אין יעדער גרעסערער שטאדט זענען געווארען „ארטס־קאמיטעטען" און אין דעם ארטס־קאמיטעט פֿון מעמעל איז רילף געוועזען שרייבער און סעקרעטער. זיין אַרבייט איז געווען דאמאלס אהן אַ שיעור, אבער זיין ענערגיע און זיין חשק צו העלפֿען האבען איהם געגעבען כח צו דער ארבייט.

דאמאלס האט רילף געהאט די געלעגענהייט, זיך אויך בעקענען מיט דער לאגע פֿון אונזערע ברידער אין רוסלאנד, און פֿון יענער צייט און ווייטער האט ער זיך איבערגעגעבען מיט לייב און זעלע צו שטיצען זיי. ער האט צושיקט בריעף אין אלע לענדער, די בריעף האבען געווירקט, נדבות האבען געפֿלייצט פֿון אלע זייטען, דער מעמלער קאמיטעט (ר״ה רילף) האט יעדע וואך געשיקט היבשע סומען געלד פֿאר 230 יודישע קליינע און גרויסע געמיינדעס אין רוסלאנד, געבען ברויט די הונגעריגע. אין איין יאהר איז צוטהיילט געווארען איבער הונדערט און צוואנציג טויזענד טאלער.

רילף'ס בריף און אויפֿרופֿען האָבען נאָך אַ צווייטען נוצען גע־בראַכט: דורך זיי האָט זיך די וועלט אָנגעהויבען מעהר אינטערעסירען מיט דער לאָגע פֿון די רוסישע יודען; דורך זיי איז געוואָרען אַ פֿער־בינדונג צווישען די יודען פֿון רוסלאַנד מיט זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער. אַלע האָבען אָנגעהויבען זיך בעשעפֿטיגען מיט זייער לאַגע, און דורכדעם איז מעגליך געווען שפּעטער, ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער שטראָם פֿון עמיגראַציע פֿון רוסלאַנד, זאַמלען פֿאַר זיי פֿיעל געלד און פֿערזאָרגען די צעהנטויזענדער עמיגראַנטען מיט עסען, קליידער, וועג־הוצאות און מזומן געלד אויף שפּעטער.

און רילף'ס אַרבייט איז צעהן־פֿאַך גרעסער געוואָרען אין די שלעכטע יאָהרען, אין דער צייט פֿון די פּאָגראָמען. דעם 22־טען מאַי 1881 האָט דער קאָמיטעט, וועלכען ער האָט געגרינדעט אין מעמעל, ארויסגעגעבען אַ פֿייערליגען אויפֿרוף צו העלפֿען די אומגליקליכע. דורך זיין מיה (מיט הילף פֿון נאָך אַנדערע איידעלע לייט) איז געוואָרען אַ גרויסע בעוועגונג אין גאַנץ אייראָפּאַ. דאָמאלס האָט דער מיטינג אין „מענשענהויז" פֿון לאָנדאָן ארויסגעגעבען דעם בעריהמטען בריף; נדבות האָבען זיך געשיט פֿון אַלע זייטען, עס זענען געוואָרען די קאָמיטעטען אין בראָדי, לעמבערג און אַנדערע שטעדט, צו שטיצען די עמיגראַנטען און זיי אַריבערפֿיהרען אין אַמעריקאַ און אַנדערע לענדער.

עס איז בעקאַנט, אַז דער מענשענהויזער מיטינג אַליין האָט צו־נויפֿגעמאַכט איבער הונדערט־טויזענד פֿונט שטערלינג פֿאַר די עמיגראַנטען.

און אפילו שפּעטער, אַז דער גרויסער שטראָם פֿון עמיגראַציע האָט אויפֿגעהערט, איז רילף געווען שטענדיג בעשעפֿטיגט מיט קלייבען געלד און העלפֿען, ווייל כמעט יעדען טאָג זענען נאָך געקומען קליינע פּאַרטיעס עמיגראַנטען. דאָס געלד צו שטיצען זיי האָט קיינמאָל ניט געטאָרט זיך אויסשעפּען.

אין יאָהר 1869 האָבען איהם די שענסטע לייט פֿון קאָוונא מיט דעם גובערנאַטאָר אָבאָלענסקי איינגעלאַדען אין קאָוונא, כדי זיך צו בעראָטהען „וועגען די הונגעריגע יודען ביי דער גרעניץ". דאָמאלס האָט רילף ארויסגעגעבען זיין ווערקיל „מיין רייזע נאָך קאָוונא". רילף דער־צעהלט: די גרויסע צרות און אומגליקען, וואָס זענען די לעצטע צעהנ־דליגער יאָהר געקומען אויף מיין פֿאָלק, די שנאה צווישען די פֿעלקער און רעליגיאָנען איינע צו די אַנדערע אין היינטיגע צייטען, האָבען מיך געריהרט טיף אין האַרצען, זיי האָבען מיך דערוועקט, איך זאָל שרייבען מיין גרויסען ספר: „דער רעיון פֿון אחדות, אַלס יסוד פֿון אַלע רעליגיעס און וויסענשאַפֿטען, אַלס פֿערמיטלער (פּשרן) צווישען אַלע געבילדעטע" (מעמעל 1880).

אין יאָהר 1882 איז אין מינסק געווען אַ גרויסע שרפה. רילף איז אַהין געקומען, זעהן דעם צושטאַנד פֿון די אָבגעברענטע, און אין איינ־וועגס האָט ער בעזוכט נאָך פֿיעל יודישע שטעדט אין ליטא און פּוילען. פֿון זיין רייזע איז אַרויסגעקומען זיין ווערק „דריי טעג אין יודיש־רוס־לאַנד". דאָרט בעווייזט ער דעם גרויסען ווערט פֿון די רוסישע יודען,

ערקלערט פיעל זאכען פון זייער לעבען, ווייזט-אויס זייערע מעלות, ווי פאלש עס זענען די בעשולדיגונגען פון די שונאים, אז די רוסישע יודען זענען פערדארבען און נידריג. רילף שילדערט די גוטע מדות, אלע איידעלע זיטען, וואס ער האט געזעהן צווישען זיינע ברידער.

מען ווייסט, אז אין דער טרויעריגער צייט פון די פאגראמען, איז געווארען א נייע בעוועגונג ביי יודען. פיעל פערשטויסענע, וואס האבען שוין פערגעסען אן זייער פאלק, זענען צוריק געקומען און געווארען טרייע יודען, דער נאציאנאלער גייסט האט זיך געשטארקט, די ליבשאפט צו ציון האט זיך אויפגעוועקט און מען האט אנגעהויבען גרינדען קאלאניעס אין ארץ־ישראל.

די בעוועגונג האט אויך דעם איידעלען רילף, דעם הייסען יודישען פאטריאט, מיטגעריסען, און ער האט ארויסגעגעבען זיין בעקאנט ווערק „ארוכת בת עמי. ישראל'ס היילונג. א ערנסט ווארט צו די וואס האלטען און אויך די וואס האלטען ניט פון אונזער אמונה". מיט הייסע ווערטער זוכט ער דארט צו אויפוועקען ביי זיינע ברידער די ליעבשאפט צו זייער נאציאן, צו אלעם, וואס ביי יודען דארף זיין טהייער און הייליג.

און דאס אלעס האט געטהון און געשריבען א מענש, וואס איז געוועזן איינע־ פון די גרעסטע פילאזאפען אין אונזער צייט. דען רילף דער צדיק רילף, דער פרומער יוד, דער גרויסער למדן און דרשן, דער גוטער און בארימהערציגערב—איז דערביי געוועןא טיעפער דענקער. ער האט בעשאפען א גאנצע בעזאנדער שיטה אין פילאזאפיע, וועלכע ער האט ערקלערט אין 5 גרויסע בענדער. די ערשטע צוויי חלקים „וויסענשאפט דער געדאנקענוועלט" זענען ארויס אין יאהר 1888; פינף יאהר שפעטער איז ארויס דער דריטער באנד „וויסענשאפט דער קראפטאייגהייט"; אין יאהר 1897 — דער פערטער באנד „וויסענשאפט דער גייסטעסאיינהייט", און דער לעצטער באנד „וויסענשאפט דער גאטעסאייגהייט" איז פערטיג צום דרוקען.

א חוץ דעם איז רילף געוועזן מעהר ווי דרייסיג יאהר רעדאקטאר פון א גרויסער דייטשער צייטונג „מעמעלער דאמפפבאאטע". „איך האב געמוזט אנגעהמען די שטעלע — זאגט ד"ר רילף — ווייל די שכירות וואס מיין געמיינדע האט מיר געצאהלט, איז געוועזן ווייניג צו פיהרען מיין הויז און מפרנס זיין אנשטענדיג מיין גרויסע פאמיליע. מיט דער ארבייט אין דער צייטונג האב איך אבער געבראכט פיעל נוצען דעם כללי".

און אז אין די לעצטע פינף יאהר איז געבוירען געווארען דער ציוניזם, איז ד"ר רילף געוועזן דער ערשטער, וואס האט זיך בעהעפט צו דער אידעע מיט גרויס היץ. ווען די אנדערע ראבינער פון דייטשלאנד זענען ארויס מיט א פראטעסט געגען ציוניזם, ווייל זיי האבען מורא געהאט די נייע בעוועגונג וועט שטערען דער אסימילאציע אדער דעם געפיהל פון געטרייע בירגער, איז רילף ארויס געגען די „פראטעסט־ראבינער, און זיינע ארטיקלען געגען זיי אין דער צייטונג „וועלט" האבען געמאכט א גרויסען רושם. אויף די ציוניסטע קאנגרעסען איז רילף געזעסען אויבענאן און אין דעם אלטען מאן האט מען געזעהען היץ, ענערגיע פון א יונגען. אויף דער אסיפה פון די דייטשע רבנים היינטיגען זומער אין פראקפורט האט ער נעמוסרט זיינע חברים, וואס זיי שטעהען פון וויטען און ווילען ניט ארבייטען פאר'ן ציוניזם, וועלכער איז די איינציגע ישועה פאר יודען.

מיט א פאר יאהר צוריק האט רילף, מיעד פון פיעל ארבייט, פערלאזען זיין געמיינדע און אוועקגעפאהרען אין באנן, צו זיין זוהן, דעם דאקטאר, אברוהען אויף דער עלטער. דער טאג פון זיין אברייזען פון מעמעל איז געוועזן פאר די גאנצע שטאדט הן יודען, הן קריסטען, א טרויערטאג. אלע האבען בעדויערט, וואס דער הייסגעליעבטער ראבינער ווארפט זיי אוועק. די שיידונג איז געוועזן, ווי א טאטע שיידט זיך אויף אייביג פון זיינע קינדער...

דאס איז געוועזן רבי יצחק רילף, וועלכען דער טויט האט פלוצלונג צוגענומען פון אונז 17 טאג אין אלול. אז זיין לויה איז געוועזן מיט דעם גרעסטען כבוד און די הספדים — מיט דעם גרעסטען טרויער, בעדארפען מיר ניט ערשט זאגען. אפילו אין די קריסטליכע צייטונגען זענען געדרוקט געוועזען ווארימע נעקרעלאגען, זיי האבען בעקלאגט דעם טויט פון דעם זעלטענעם מאן. און וואס זאלען שוין מיר יודען, מיר ציוניסטען זאגען?

רילפ'ס נאמען וועט לייכטען ווי א העלער שטערן און אונזער הימעל, און פיעל דורות וועלען נאך זאגען „זכר צדיק לברכה!".

י. ה. זאגאראדסקי.

---

## יודישע שטעדט און שטעדטליך.

און אז עס וועלען קומען די ימים נוראים, עס וועלען זיך עפענען די טויערן פון הימעל, — די שערי רחמים וועלען זיך עפענען ברייט, — וואס מיינט איהר וועל איך בעטען ביי זיין ליעבען נאמען?

נישט קיין חכמה, ווי שלמה המלך; נישט קיין נצחון איבער שונאים, ווי דוד המלך זיין פאטער; אפילו נישט קיין כולקע מיט פרישער פוטער, ווי, להבדיל, באנציע שווייג.

עשירות וועל איך בעטען.

איך וועל מיך איבערדעקען מיט'ן טלית איבערן קאפ און בעטען רחמים: געלד! געלד, רבונו של עולם! געלד!

מען האט היינט קיין אנדער ברירה נישט!

עשירות גיט ממשלה, לכל הפחות איבער קהל; כבוד, לכל הפחות אין בתי כנסיות ובתי מדרשים; פון אזוי עולם-הזה איז דאך נישט וואס צו רעדען! און וויל מען, אויפ'ן הונדערטסטען פאל, א שטיקיל עולם־הבא אויך — ווערט מען א מתעסק בצרכי צבור, גיט מען צדקה...

א דאנה מיט וואס גאט און לייט צו קויפען!

מען טהיילט אפילו עולם הבא!

וויל איך, בין איך אליין א רעדעל-פיהרער; איך הייס מיך מאכען פאר ראש הקהל, גבאי, צי פאר וואס עס איז, בין איך! פיהר איך א י י ג ע נ ה ע נ ד י ג קהל ביי דער נאז, נעם איך איין דאס גאנצע עולם הבא. וויל איך, הייס איך קלויבען ווען מיר געפעלט; פיהר איך יענעם ביי דער נאז, יענער די שטאדט ביי דער נאז און מיט'ן עולם הבא טהיילט מען זיך; עס וועט גענוג זיין פאר ביידע!

איך האב געלד. וויל איך „הוצאות והכנסות", „אתה הראית", „חתן תורה", „חתן בראשית" און אלץ, וואס א מקום קדוש האט צו פערקויפען. וויל איך, נעהם איך אליין און שלינג שטיקער עולם הבא; וויל איך, בין איך אנדערע מכבד מיט עולם הבא, ווי מיט א גוטער ציגאר!

— — — — — — — — — — — — — — —

אז הונדערט ארימע לייט — אדעסער בני ציון ווילען פערשרייבען ווערען אין גאלדענעם בוך פון יודישען נאציאנאל-פאנד, האבען זיי קיין געלד נישט! מען בענקט, מען לעכצט צום גאלדענעם בוך, נאר — ווי אין דעם „אף־ברי"־ליעדיל זינגט זיך: און קיין געלד איז נישט דא! הונדערט רובעל זעהט איין אדעסער בן־ציון אפילו אין חלום נישט!

וואס מוזען זיי, נעביך, טהון די ארימע לייט? הערען זיי דעם לידער רב'ס עצה, מאכען יעדען פיערטען שבת פאר א וואכענטאג, שטע־

לען קיין טשאָלענט נישט, זאָגען זיך אָב פֿון קאַשע, קונעל, פֿלייש — און עסען „שְׁאָר יְרָקוֹת", און לויט מען שרייבט, האָט אַ שבת פּרשת עקב איינגעברענגט אַ פֿערצייכעניש אין נאָלדענעם בוך!

און — וועה צום קבצנישען נחת! פֿערשריבען איז געוואָרען — נישט בערל טרענער, נישט יונה וואסערפֿיהרער, נישט שמואל שוסטער, יוסל שניידער וכדומה, נאר בתכלית הקצור: אדעסער „בני ציון"! אַלע אונטער איין פֿערצייכעניש, ווי אָרימע יונגליך האָבען שמחת־תורה אַ י ין עליה, אונטער איין טלית...

אָבער, אַז איך וועל, אם ירצה השם, זיין איין עושר, האָפּ איך אַרויס אַ הונדערטער — עס איז דאָך נישט ערגער ווי איין עברה'לע! — און שיק! און פֿערשרייבען וועט מען: הלא הוא הגביר המפורסם, מיט נאָמען, ביינאָמען, צונאָמען, פֿאָטער־נאָמען, פֿאָמיליען־נאָמען אַפֿילו מיט דער גילדיע, וואָס איך וועל צאָהלען...

וועל איך דאָמאָלס אויך לעבען בשלום מיט'ן ווייב, איז נאָך אַ הונדערטער, פֿערשרייבט מען זי אויך! קינדער אין דער וויעג קען איך פֿערשרייבען! נפל'יך!

און ממילא וועט עס מיך נישט קאָסטען אויך! וואָרים, אַז מען קען ווען מען וויל — הויבט זיך גאָר נישט אָן צו וועלען! איז נאָר די תאוה נישט אַזוי גרויס! זאָלען די ־ק ב צ נ י ם אָבקויפֿען ארץ־ישראל, א ו י פֿ ב ו י ע ן דאָס בית המקדש און מיר וועלען דערנאָך געבען זילבערנע לעפֿעל!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַז איך בין איין עושר און וואהן למשל אין אַ גרויסער שטאָדט, וואו אליך איז טהייער און עולם הבא, און כבוד אויך; וואו, אַז עס קומט צו עפּיס, רעדט מען פֿון טויזענדער, אַ־ניט, וויל אַפֿילו אַ „קוריער פאַראַנני" נישט דערמאָנען! און איך בין, לא עליכם, קאַרג, האָב אויך אַזוי פֿיעל קיין ממשלה נישט, טויזענדער לאָזט דאָס האַרץ נישט: טהו איך מיר, מיינט איהר, קיין עצה נישט? אָוודאי! נעם איך און פֿאָהר מיר אַרויס אויף דער וועלט — געשעפֿטען צום פֿאָהרען פֿעהלען נישט! — האָפּ איך מיך אַראָב כּלאחר־יד ערגיץ אין אַ קליין שטעדטעלע, וואו אַ מאה איז אַ שטאַרקע מטבע! למשל אין מאָהליווער גוּבערניע אין אַ קאָפּוסט, און אַז איך וויל, גיב איך אַ וואָרף אין דעם מייזען־לאָך אַריין אַ דריי הונדערטער... ווי מיינט איהר, וועט נישט רוישען די וועלט? אַ דריי הונדערטער קרן־קימת־געלד אויף תלמוד־תורה, און מן הסתם אויף כשר'ע! און איין אונטער־צי אייבער־סעקרעטער, אַ משה דוד דראָבקין וכדומה, וועט באַלד לויפֿען מיט די לאַנגע הענד און אָנציהען די גרויסע גלאָק אין „הצפירה", צי אין „המליץ", צי איןביידע צוזאַמען און מיין נאָמען וועט קלינגען, קלינגען און ווייטער קלינגען, אַז מען וועט הערען אין אַלע זיעבען הימלען, ווי אין גאַנץ תפוצות ישראל!

ווער שמועסט, אַז איך וועל נאָך אָוועקלעגען די האַנד פֿון האַרץ און פֿערשרייבען זיך נאָך אויף עטליכע רובעל יאָהר־געלד — האָ — האָ!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און ווען איך וואָהן, למשל, אין פּאָלטאַווע, בין איך איינער פֿון די גרויסע רעדעל־פֿיהרער, ע פֿ ע ן איך נאָר אַ תלמוד־תורה! אַז איך וויל, עפֿען איך!

און איך שטעל מיר פֿאָר, אַז עס קומען אַריין צו מיר י ע נ ע לייט יונגע משכילים'ליך, וואָס מיינען, אַז זיי האָבען אַ מאָנאָפּאָל אויף פּעדאַגאָגיע אויף תלמוד־תורה און פֿרעגען, אפֿילו בעניוות:

— נביר־לעב, מיר האָבען געהערט, דו ווילסט עפֿענען אַ תלמוד־תורה, מיר האָבען שוין אָנגעגרייט פֿאַר דיר אַ דרייפֿאַכיגען „יישר כח": אַ געזאָגטען אַ געשריבענעם און אַ גערדרוקטען!

מיר וועלען עס מיט'ן גאַנצען האַרץ פֿערזאָרגען... נאָר זאָג אונז, גביר־לעב, — רעכט תלמוד תורה, נאָר ו ו ע ר וועט לערנען און ו ו אָ ס וועט מען לערנען אין תלמוד תורה?

און איך בעט זיי אפילו נישט זיצען, און שטעל מיך אפילו צו זיי נישט אויף, און ענפֿער אויפֿ'ן גבירישען שטיינער:

— פֿון ווען אָן וועלען עס קבצנים זאָגען דעות?

און זיי וועלען אַראָבבייגען די קעפּ און פּרווען זיך נאָך מיט אַ ציטערינג קול:

— ס'טייטש, עס געהט דאָך נישט וועגען מסחר, וועגען באַנקנאָטען צי וועגען פּאָדריאַדען, אויף וואָס נישט מ י ר זענען די מבינים... עס געהט דאָך וועגען תורה, וועגען לערנען, און מיר זענען דאָך די מורשים!..

דאָס אָבער אַרט מיך שוין! איך לעג מיין פֿינגער (מיט די 4 בריליאַנטענע רינגען) אויפֿ'ן עלפֿענביינערנעם קנעפּיל פֿון עלעקטרישען גלעקיל אויפֿ'ן טיש. די שוטים ווייסען אפילו נישט, וואָס דאָס ריהרען בעטייט און זאָגען ווייטער, אָביסיל פֿעסטער ביי דער דעה:

— און עס איז דאָך נישט — זאָגען זיי — אייער געלד! עס איז דאָך קאַראָבקע־געלד, קעסטיל־געלד! אָרים געלד איז עס דאָך! א ו נ ז ע ר געלד! איהר מיט אייער איידעל געזונד און נאָך איידעלערען געזינטיל עסט דאָך נור היהנער פֿלייש, אַלערליי וואָס־פֿלייש...

נאָר דאָס גלעקיל האָט זיינס געטהון; פֿאַר מיר ענפֿערט שוין דער לאַקיי! . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און ווען איך וואהן, למשל, אין אַ שטעדטיל אין גראָדנער גוּבערניע, בין אַ גרויסער עושר און עס פֿאָלט מיר איין צו פֿאָהרען אַלס דעלעגאַט פֿון בני־ציון קיין מינסק, וואָלט איך, מיינט איהר, נישט געפֿאָהרען?

איך וואָלט גאָר קיין ציוניסט נישט געווען, — ביי גרויסע געשעפֿטען, ווער האָט צייט דערצו? — איך וואָלט אפֿילו קיין שקל נישט געצאָהלט — גלייכער איין אָרימען קרוב! — און געפֿאָהרען וואָלט איך!

מען וואָלט מיך אפילו נישט אויסגעקליבען! ווער דאַרף עס?

ביי דער קלפּי וואָלט געווען אַ מלחמה צווישען אַ „מזרחי" מיט אַ „פֿראַקציאָניסט"; איינער וואָלט גובר געווען; מיין דאגה ווער... או צו מאָרגענס וואָלט איך געשיקט אָנזאָגען דעם סעקרעטער, אַז איך וויל, דאָס הייסט: אַז ווען מען בעט מיך, וואָלט איך אפשר נישט אָבגעזאָגט...

און — ווער קלפּי, ווען קלפּי? ער וואָלט שוין געשריבען און געחתמ'ט אויף מיר! . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

איהר שפּיעלט אייך מיט עשירות??

הונדערטע בלעכער פֿאַלען פֿון די דעכער; אין פֿאַבריקען ווערען מענשען צוזענט און צושניטען; ביי פֿענסטער־וואַשען פֿאַלען אַראָב אָרימע מיידליך פֿון דריטען און פֿון פֿירטען שטאָק... און אַזוי — וויפֿיעל ווערען נעלם?..

נאָר ווייסט עמיץ דערפֿון?

אָבער, איך רעד שוין נישט פֿון אַמעריקאַנישען מאַטטייעה און זיין אויטאָמאָביל, פֿון וועלכען ער איז אַראָבגעפֿאַלען. נאָר גלאַט — ווען איך, למשל, בין איין עושר, אדער ווען איהר צ. ב. ש. זייט איין עושר און איינער פֿון אונז פֿאַלט אַראָב נאָר פֿון אַ פּשוט'ען וואָגען, ווער

שמועסט — פֿון ביציקעל, נו, וואָלט נישט געקלונגען אין אַלע ״שמאַטעס״ ?

אויב איהר גלייבט נישט, פּריוועט !
קלוגע פֿעלקער לעגען זייערע חכמות אין גלייך-ווערטליך אַריין.
און נישט אומזיסט זאָגט דער עולם : באַדיי אַ משכון צו פֿערזעצען, אַבי
איין עושר צו זיין !
מען האָט היינט קיין אַנדערע ברירה נישט !

די ביהן.

---

# די יודישע וועלט.

## געזעצען און משפּטים.

— אין רוסישען מיניסטעריום ווערט איצט בעקלערט די פראַגע, מען זאָל יודען ערלויבען צו קויפֿען ערד אויף מאַכען פאַבריקען.

— אין רוסישען פינאַנץ-מיניסטעריום איז פאַרגעלעגט געוואָרען, מען זאָל צונעהמען יודישע ארבייטער אין די סקלאַדען פֿון בראַנפֿען.

— דאָס האַנדעלסדאָרף בלאַגאָוועשטשענסק (קרים, מעליטאָפּאָלער אויעזד) האָט דערלאַנגט אַ ביטע צום גובערנאַטאָר, מען זאָל דאָס דאָרף איבערמאַכען פאַר אַ שטאָדט, כדי יודען זאָלען דאָרט מעגען וואָהנען.

— אַ מיטגליעד פֿון קיעווער דומע האָט דערלאַנגט אין דומע אַ ביטע, אַז מען זאָל פֿון קיעוו ארויסטרייבען אַלע יודען, ווייל די יודען, — שרייבט ער אין זיין ביטע — זענען שעדליך און געפֿעהרליך. זיי זענען, שרייבט ער, אַ פלאָג, זיי זענען ערגער פֿון חאָלערא.

אויף דער ביטע האָט געענטפֿערט דער ראש העיר (גאָלאָוואַ), אַז אַזאַ פראַגע געהערט ניט צו דער דומע.

— די יודישע לעהרער פֿון יעקאַטערינאָסלאַוו ווילען דערלאַנגען אַ ביטע, אַז מען זאָל ערלויבען יודישע לעהרער וואָהנען אין גאַנץ רוסלאַנד.

== די ״מאָרנינג פּאָסט״ שרייבט : די ענגלישע רעגירונג האָט זיך געווענדעט צו די מלוכות, וועלכע האָבען אונטערגעשריבען דעם בערלינער טראַקטאַט מיט אַ צירקולאַר, וועלכער איז גלייך אין אינהאַלט מיט דעם אַמעריקאַנער צירקולאַר. די מלוכות וועלען צווישען זיך איבעררעדען וועגען דער דאָזיגער פראַגע. וואָס די דייטשע רעגירונג האָט בדעה צו טהון, ווייס מען נאָך נישט ; נאָר מען רעכענט אַז זי וועט זיך פֿערהאַלטען פריינדליך צו דעם אַמעריקאַנישען צירקולאַר, הגם זי וועט נישט וועלען זיין די ערשטע ארויסצוטרעטען געגען רומעניען.

ווייטער דעפּעשירט מען אין דער צייטונג אויס בערלין, אַז די רומענישע רעגירונג, דערשרעקענדיג זיך פֿאַר דעם פּראָטעסט פֿון ענגלאַנד און די פֿעראייניגטע שטאַטען, האָט צוגעגרייט אַ תשובה, אין וועלכער זי זאָגט, אַז זי איז נעגען די רדיפות אויף יודען, נאָר פֿון דעסטוועגען גיט זי נישט קיין שום פֿעסטע הבטחה. ווי די דאָזיגע צייטונג זאָגט, וועלען זיך ענגלאַנד און אַמעריקאַ נישט בעגנינען מיט אַזאַ מין תשובה, נאָר זיי וועלען פֿערלאַנגען זיכערע בעוואָרענישען.

— דער ״פראַנקפורטער צייטונג״ דעפּעשירט מען מכּה דעם ענין אויס וויען : עסטרייך וועט מסתמא צושטעהן צו די איבריגע איראָפּעאישע מלוכות, כדי פֿאַרצונעהמען צוזאַמען מיטלען, ווי צו פֿערבעסערן די לאַגע פֿון די רומענישע יודען. מען רעכענט, אַז די מלוכות, וועלכע האָבען אונטערגעשריבען דעם בערלינער טראַקטאַט, וועלען זיך ווענדען צוזאַמען צו רומעניען און וועלען פֿערלאַנגען די אומענדערונג פֿון די געזעצען אין נאָמען פֿון גערעכטיגקייט און מענשליכקייט.

*

## יודישע קהלות.

— פֿון נ י ו - י אָ ר ק איז מען מודיע, אַז צוליעב דעם אַנפֿאַל, וואָס איז געוועזען אויף יודען בשעת דער לויה פֿון רב-הכולל, ווילען יודען מאַכען איין אָרט יודישע מיליציע, וועלכע זאָל זיי שיצען פֿון אַזוינע אומגערעכטע אַנפֿאַלען.

— אין גאַליציען האָט זיך ווידער געטראָפֿען אַ פאַל, דאָס מען האָט אַ יודיש מיידיל אריינגעקריגען אין קלויסטער. אַ בויער שמיעד האָט אַנגערעדט אַ יודיש מיידיל זיך צו טויפֿען און זי געבראַכט אין מאַריאַמפּאָלער קלויסטער. די מוטער איז אין אַ צייט אַרום געוואָהר געוואָרען, וואו דאָס מיידיל געפֿינט זיך און זיך געבעטען, מען זאָל איהר ארויסגעבען די טאָכטער, וועלכע איז נאָך נישט מינדיג, אָדער ווענינסטענס ערלויבען צו זעהען זיך מיט איהר. מען האָט איהר אָבער געזאָגט, אַז דאָס מיידיל איז נישטאָ אין קלויסטער, הגם דער פויער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט זי אַהין אריינגעגעבען. די זאַך איז איבערגעגאַנגען אין געריכט און די ווינער אַליאַנץ איז זיך משתדל, אַז מען זאָל ארויסגעבען דאָס מיידיל.

*

## ציוניסטישע נייעס.

— ד י  ק ר י ס ט ע ן  א ו ן  א ר ץ  י ש ר א ל. אויף דער מינסקער אסיפה איז אַנגעקומען דאָס בלאַט ״נאָוואָסטי״, וואו דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט דערצעהלט פֿון אַ פּראָיעקט אין אַ ענגלישער צייטונג, אַז די קריסטען זאָלען זאַמלען געלד אויף אָבקויפֿען ארץ ישראל ביי דער טערקישער רעגירונג. דער מחבר פֿון דעם פּראַיעקט זאָגט, אַז ער האָט פֿעראינטערעסירט מיט זיין פּראָיעקט אייניגע רייכע מענשען, וועלכע וועלען צושטעהן, גלייך ווי עס וועט געגרינדעט ווערען אַ בעזונדער הברה. ווי די הברה וועט נור האָבען גענוג געלד, וועט זי זיך ווענדען צו די קריסטליכע מלוכות, אַז זיי זאָלען אָבקויפֿען ביים סולטאַן פּאַלעסטינאַ. פּאַלעסטינאַ וועט דאַן ווערען אַ פֿרייע רעפּובליק, און די קריסטליכע מלוכות וועלען דאַרפֿען גאַראַנטירען איהר זעלבסטשטענדיגקייט.

דער דאָזיגער פּראַיעקט האָט ארויסגערופֿען אין די ענגלישע צייטונגען פיעל בריעף. אייניגע פֿון זיי געפֿינען מיר אָבגעדרוקט אין דער ״וועלט״.

די שרייבער פֿון די בריעף גלויבען ניט אין די מעגליכקייט פֿון אַ קריסטליכער רעפּובליק אין ארץ ישראל. אַזוי למשל שרייבט סטעד, איין בעקאַנטער ענגלישער פּובליציסט : אויב עס וועלען שוין זיין דערצו די נויטהיגע מיליאָנען, און אויב דער סולטאַן וועט מרוצה ווערען פּאַלעסטינאַ צו פֿערקויפֿען — וואָס זענען אַלץ זאַכען, אין וועלכע מען קען ניט אַנהויבען צו גלויבען, — וועט דאַן ארויסקומען דערפֿון איין אייראָפּעאישע מלחמה.

איין אַנדער בעריהמטער ענגלישער דיכטער שרייבט, אַז די קנאה צווישען די פֿערשידענע קריסטליכע פֿעלקער איז אַזוי גרויס, אַז זיי וועלען קיין מאָל ניט קענען דורכקומען צווישען זיך. בעסער איז שוין, אַז פּאַלעסטינאַ זאָל בלייבען ביי טערקיי, ווייל נור די אַנהענגער פֿון אַ גאַנץ פֿרעמדער אמונה קענען זיין אונפּאַרטייאיש צו אַלע קריסטליכע גלויבענס.

דערזעלבער טעם ווערט אויך דערמאַנט אין פֿיעל אַנדערע בריעף.

עס פֿעהלען אָבער אויך ניט בריעף. וועלכע זאָגען, אַז ארץ ישראל דאַרף געהערען צו די יודען.

איין הערר אַנדריו שרייבט : דאָס הייליגע לאַנד געהערט די יודען און די יודען וועלען פֿריהער אָדער שפּעטער געוויס זיך בעזעצען אין ארץ ישראל. דער ציוניזם שטעהט אין הסכם מיט די ווערטער פֿון די יודישע נביאים און זייערע ווערטער וועלען מקוים ווערען.

דער בעקאַנטער ראָמאַניסט גראַהאַם שרייבט : איך גלויב, אַז די יודען וועלען קענען אויפֿלעבען פּאַלעסטינאַ, נאָר אויב די יודען וועלען צו לאַנג לאָזען אויף זיך וואַרטען, וועלען דאַן אויף דעם אָרט מוזען קומען די קריסטען.

דער בעקאַנטער קאַטוילישער גלח איגנאַציוס שרייבט : מיר קריסטען גלויבען אין די ווערטער, וואָס גאָט האָט געזאָגט צו אברהם׳ן, אַז ער שענקט אַוועק פּאַלעסטינאַ אברהם׳ן, זיינע קינדער און זיינע קינדס קינדער אויף אייביגע צייטען. די יודען וועלען זיך צוריקקעהרען אין דעם לאַנד פֿון זייערע אבות און וועלען עס ירש׳נען. קיין אַנדער פֿאָלק וועט ניט קענען זיין דער בעל הבית און דער הערשער פֿון ארץ ישראל. דערפֿאַר האָבען די קריסטען אין זייערע מלחמות פֿאַר ארץ ישראל ניט אויסגעפֿיהרט. דאָס לאַנד בלייבט חרוב.

נור די יודען אליין וועלען קענען אָב׳ירש׳נען דאָס לאַנד, וואָס גאָט האָט זיי צוגעזאָגט. אָבער קודם כל איז נויטהיג, אַז די יודען זאָלען זיין אין ארץ ישראל. די ענגלישע מלוכה איז מחויב צו העלפֿען די יודען, אַז זיי זאָלען קענען אויפֿגעריכט ווערען ביי זיך אין לאַנד. דאָס איז אויך אין הסכם מיט גאָטס וואָרט, דער וועג אויף ארויס צוגעהן פֿון די שוועריגקייטען, וואָס ליגען אין דער פּאָליטיק אין מזרח, און אויך דאָס מיטעל ווי אָבצושאַפֿען דעם אַנטיסעמיטיזם.

— א  מ א ח מ ע ד א נ ע ר  א י ב ע ר  ד ע ם  צ י ו נ י ז ם. אין ליווערפּאָל (ענגלאַנד) איז געווען אַ גרויסע ציוניסטישע אסיפה, אויף וועלכער עס זענען געוועזען פֿיעל קריסטען. פּרעזידירט אויף דער פֿערזאַמלונג האָט אַ אַנגעזעהענער קריסט ה. ראַבזאָן, וועלכער האָט געהאַלטען אַ ציוניסטישע רעדע, וואָס איז אויפֿגענומען געוואָרען מיט גרויס התלהבות פֿון דער פֿערזאַמלונג. נאָך איהם האָט געהאַלטען אַ רעדע דער ראש פֿון די מאַהמעדאַנער אין ענגלאַנד אַבדאַלאַה קוואַליאַם עפֿענדי. דער לעצטער האָט גערעדט פֿון דער שטענדיגער פֿריינדשאַפֿט, וואָס איז צווישען די מאַחמעדאַנער און יודען. זיין רעדע האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַ גרויסען רושם.

— אויף דעם מינסקער צוזאַמענפֿאָהר האָט מען צוזאַמענגעקליבען פֿאַר דעם נאַציאָנאַלפֿאָנד אַנ׳ערך פֿון 2,000 רובעל.

---

## אלגעמיינע וועלט נייעס.

— א  ש ו ת פ י ש ע  ד ר ו ק ע ר י י. אין פּעטערבורג עקזיסטירט שוין אַ לענגערע צייט איין דרוקעריי וועלכע איז געגרינדעט דורך איין אַרטעל פֿון 27 זעצער. זיי האָבען אריינגעלעגט מזומן אין עסק 2000 רובעל. דאָס איבריגע נויטהיגע געלד האָבען זיי געליהען און צאָהלען אויס מאָנאַטליך צו 150 רובעל. דערווייל ארבייטען אין דרוקעריי נישט מעהר ווי 2 מענשען, ווייל עס איז נישטאָ אַזוי פֿיעל ארבייט ; נור ווען עס מאַכט זיך איין נויטהיגע ארבייט קומען צו נאָך זעצער, וואָס ארבייטען שטענדיג אין פּריוואַט דרוקערייען. די שטענדיגע ארבייטער פֿון דער דרוקעריי בעקומען אַ פֿעסט געהאַלט.

— עמיל זאלא, דער בעריהמטער פראנצויזישער שריפטשטעלער, וועלכער האט אין די לעצטע יאהרען קונה־שם געווען מיט זיין קאמפף פאר אמת און יושר איז דען $^{28}/_{16}$ סעפטעמבער געשטארבען דורך ערשטיקונג פון גאז וואס איז אויסגעשטרעמט ביי נאכט פון דעם געהייצטען אויווען.

---

## דָאס וָואָרט פוּן נָבִיא.

ואותי יום יום ידרשון... למה
צמנו? הלא זה צום אבחרהו...
(ישעיה נ"ח).

וָואס מֵיינְט אִיהר מַאסְקִירְטֶע פְרוּמַאקֶעס,
אִיךְ זֶעה נִיט דִי פַאלְשְׁקֵייט, דֶעם שְׁווִינְדֶעל ?
אִיךְ קֶען אַייךְ, אָה בַּאנְדֶע צְבוּעַקֶעס !
אִיךְ וֵויים אַייעֶר טְרֵפָה גֶעוִוינְדֶעל !

אִיהר קוּמְט זִיךְ אִין דְרַייעֶן גֶעבּוֹיגֶעֶ
אִין טֶעמְפֶּעל צוּ קְנִיהֶען, גָאט בֶּעטֶען ;
מִיט פַאסְטֶען פֶערְבְּלֶענְדְט אִיהר דִי אוֹיגֶען,
אִיהר דַאוֶוענְט — דִי זִינְד צוּ פֶערְגְלֶעטֶען.

אִיהר פַאסְט רַק, עֶס פַּאסְט אַייךְ צוּם רוּמֶעל,
דָאס לוֹינְט אַייךְ צוּם עֵסֶק אַוַדַאי ;
דִי צַייט נוּר פֶערְטְרַייבְּט אִיהר אִין טוּמֶעל
אוּן הַאלְט אִין אֵיין שְׁרַייעֶן „אֵל שַׁדַי !"

מִיט אַייעֶרֶע תַּעֲנִיתִים אִיז מֶעגְלִיךְ
צוּ וֶועקֶען בַּיים בּוֹרֵא רַחֲמָנוּת ?
מַחֲלוֹקֶת, גֶעשְׁלֶעגֶען טָאג טֶעגְלִיךְ...
אוּמְזִיסְט אִיז, אוּמְזִיסְט אַייעֶר תַּעֲנִית !

* * *

אוּן וֵויסְט אִיהר, וָואס וִויל גָאט פוּן מֶענְשֶׁען ?
„נוּר גְלַייכְהֵייט, נוּר אֱמֶת אוּן יוֹשֶׁר !"
זַייט גוּט נוּר ! דַאן וֶועט אַייךְ גָאט בֶּענְשֶׁען
מִיט כָּבוֹד, מִיט גְלִיק אוּן מִיט עוֹשֶׁר.

הָאט מִיטְלֵייד מִיט אַייעֶר בֶּעקַאנְטֶען !
דֶעם אָרְמֶען גִיט עֶסֶען, גִיט קְלֵיידֶער !
דַאן הָאט אִיהר דִי אוֹצְרוֹת בְּרִילַאנְטֶען,
אוּן שַׁיינְט אַייךְ דִי זוּן דַאן כְּסֵדֶר !

ניוארק. הלל מאלאכאווסקי.

---

## ליטעראטור און לעבען.

### II. עטרת יתומים אין ווארשא.

די סצענע: ביי דער מליעציארניע" אין קראסינסקים גארטען.

פערזאנען: א בעל בתישער מענש. האלב דייטש געקליידט, די אויגען דערמאנען אן קעלבערנס, דאס בייכיל — אן קארלסבאד, זיצט ביי זויערמילך מיט שווארץ ברויט. קוקט אויף יעדע ווי א קינד אויף א רפואה און פערקרומט זיך ביי יעדען ביסען. א חברה־מאן. איינער פון די געפעהרליכע מענשען, וואס צאפען געלד פון דער וואנד — פאר יתומים, אלמנות, תלמוד־תורה'ס, נשרפים, אבגעפאלענע משפחות וכדומה.

דער בעל־בתישער מענש — דערזעהענדיג, אז חברה־מאן קומט צו, פערקרומט זיך, פריפט אויסדרעהען דאס בענקיל. דער חברה־מאן האט איהם אבער שוין דערזעהן.

דער בעל־הבית (צו זיך) וואו מען זייעט נישט !..

חברה־מאן, (צו זיך) ר' דא דער פויגעל. (הויך) מאיען!

דער בעה"ב, (זויער) מאיען ! (רוקט אב דאס נישט דערעסענע, וויל קלינגען און בעצאהלען).

חברה־מאן, (נעמט איהם איליג דעם לעפעל פון האנד ארויס, קלינגט. צום בעל הבית) איך וויל אייך ווייזען א שענע זאך. איילט נישט ! (צום אריינקומענדיגען מילך־מיידעל) זויער־מילך און ברויט !

דער בעה'ב. (צו זיך) אריינגעפאלען !

חברה־מאן. זעהט ! (דערלאנגט איהם א פעקיל פאטאגראפיען).

דער בעה'ב. פאסט־קארטען־בילדער ? הכנסה אויפ'ן נאציאנאל־פאנד ? שוין געקויפט — עטליכע זעכציג שטיק... וואס זאג איך, עטליכע זעכציג — איבער הונדערט ! אחוץ אזוי מארקען !

חברה־מאן. (מיט א נישט גלויביגען שמייכעל) זעהר פיין פון אייער זייט ! (ערנסט) דאך קוקט, עס איז גאר עפיס אנדערש. פאר קוקען צאהלט מען נישט!

בעל־הבית (נעמט אומגערן, בעקוקט, פעראינטערעסירט זיך): דאס פאטאגראפירט די פאליציי ?

חברה־מאן. פאר וואס גראד די פאליציי ?

בעל הבית. וואס איז, איך קען נישט דעם עולם? פון פאציעיאוו, פון די תאלען, וואו נור מען שטופט זיך ! אט דעם בחור (ער ווייזט אויף א פאטאגראפיע) קען איך ! א שענער פויגעל ! מיר אליין ארויס־געשלעפט א נאז־טיכיל ! אפילו נעהאפט ביי דער האנד, נאר פונקט ביי דער לינקער, און מיט דער רעכטער האט ער דערווייל איבערגעגעבען דאס טיכיל א צווייטען... איין אויסלענדיש טיכיל געווען ! פערפאלען ! געווארען פלוצלים א געפייפעריי— הא הא! גאט געדאנקט, ד'בין ענט־לאפען — אלע, זעה איך, אזוינע בחורים (זיפצט) — א חלול השם, א חלול השם !

חברה־מאן. אוודאי !

בעל הבית. עפיס האט מען מיר געזאגט, אז עס איז פאראן אין ווארשוי א הויקער, וואס קלויבט צוזאמען אלע יתומים, רחמנא ליצלן, און נעמט זיי אויף דער לערן... א פאר טעג לערנט ער די מלאכה, און דערנאך מוז יעדערער יעדען טאג עפיס אהיים ברענגען — א'ניט, קריגט ער געשלאגען ! אויף די סטאוועס, זאגט מען, וואהנט ער... ווער עס ברענגט אבער די פיינסטע גנבה, קריגט לעקיך־אונבראנפין ! פאר גאלד־ווארג צאהלט ער צו עטליכע גראשען ! (ווארפט צוריק די פאטאגרא־פיען) אלע אזוינע פנימער... דאס וועט אמאל אונטערצינדען, מיט מע־סער שטעכען, כ'ווייס וואס... פון רבינ'ס אוניווערזיטעט !

חברה־מאן. נור מוז איך אייך זאגען, אז „רבי" בעקומט א גרויסע קאנקורענץ !

בעל־הבית. מיין כפרה !

חברה־מאן. עס איז נישט אייער כפ־ה ! (דערלאנגט איהם א צווייט פעקיל פאטאגראפיען).

בעל־הבית. שוין דערוואקסענע גנבים און גזלנים ?

חברה־מאן. זעהט !

בעל־הבית. (בעקוקט) אויך יונגליך — דאכט זיך די אייגענע גאר, יא ?

חברה־מאן. יא.

בעל הבית. נור עפיס אנדערש געקליידט ?

חברה־מאן. כמעט ערנטליך. טהייל זאכען אפילו אלטע. נור אי־בערגעמאכט!

בעל הבית. עפּיס זעהען זיי זאטער אויס...

חברה־מאן. זיי קריגען צו עסען און צו טרינקען!

בעל הבית. און אויף וואס שטודירען זיי?

חברה־מאן. אויף בעלי מלאכות!

בעל הבית. איהר מאכט חוזק?

חברה־מאן. חס ושלום! דעם „רבינס“ קאנקורענט איז א חברה.

בעל הבית. א גאנצע חברה?

חברה־מאן. יא — „עזרת יתומים“ הייסט זי!

בעל הבית. אה! עפּיס געהערט!

חברה־מאן. איך קען אייך געבען עטליכע דאטען! די חברה האט ביז היינט אבגעגעבען קינדער (נעמט ארויס א צעטעל און לעזט) 21 צו קאמאשען־מאכער, 9 צו שוסטער, 19 צו שניידער, 11 צו שאכטעל־מא־כער, 23 צו טישלער, 8 צו איינבינדער, 5צו גאלדשמיטען, 9 צו היטעל־מאכער, 5 צו האנדשוה־מאכער, 2 צו מעכאניקער: 29 האט די חברה אריינגעגעבען אין פאבריקען!

בעל הבית. (אביסיל אומגעדולדיג) ובסך הכל?

חברה־מאן. (געלאסען) לייכט צו בערעכענען: 141 יונגליך! דער־וויל!..

בעל הבית. (וויל אונצופרידען זיין) אלץ יונגליך און יונגליך! ווייל ס'איז דא אזוי פיעל תלמוד־תורה'ס, שוהלען פאר בעל־מלאכות... נאך א חברה! מיידליך יתומות, וואס זאלען טהון?

חברה־מאן. מען פערזארגט מיידליך אויך. נור ווייניג. עס פעהלט געלד!

בעל־הבית. אזוי... (וויל קלינגען).

חברה־מאן. (נעמט איהם ווייטער דעם לעפעל פון האנד ארויס) וואס איילט איהר? מען וועט מיר ברענגען, וועט איהר צאהלען...

בעל־הבית. (פערלעגען) איך אייל מיך!

חברה־מאן. יא, ביי וואס האלט איך? אהא! פאר א צייט איז צו אונז געקומען א יונגע דאמע —

בעל־הבית. (פערטראכט) א יונגע דאמע — —

חברה־מאן — א יונגע דאמע, פיין געקליידעט, גאר פיין... פער־פומיערט, אז עס האט אין אלע שטובען געשמעקט...

בעל־הבית. און וואס האט געוואלט די דאמע, א גרויסע נדבה־געבען?

חברה־מאן. פערקעהרט. זי האט מיטגעפיהרט א מיידעלע פון א יאהר 12 אדער — זאגט זי — נעמט זי דא ביי מיר צו, א'ניט וועט זי זיין ווי איך...

בעל־הבית. אהא! פון יענע לייט! א נאכט־פויגעל?

חברה־מאן. א נאכט־פויגעל —

בעל־הבית. און איהר האט צוגענומען דאס מיידיל?

חברה־מאן. מען האט געמוזט, נור עס פעהלט געלד! אין גאנצען 1250 מיטגלידער —

בעל הבית. וואס צאהלען?

חברה־מאן. פון דריי ביז 12 רובל א יאהר! זעלטען איינער 24, גאר זעלטען 26...

בעל־הבית. שען געלד!

חברה־מאן. אויף ציגארען גיט מען אויס מעהר!

בעל־הבית איך נישט, איך רייכער נישט...

חברה־מאן. איז אוודאי גוט...

בעל־הבית. וואס איז דאס גוטסקייט? מוז מען פאה־ען קיין קיסינגען!

חברה־מאן. אז מען קען, פאר וואס נישט!

בעל־הבית. מען מוז — א מענש איז געפעהרליך!

חבירה-מאן. (מיט א שמייכעל) מען זאגט, אז צדקה איז אויך א רפואה — פערשרייבט אייך!

בעל־הבית. לייכט צו זאגען — אזוי פיעל ארימע קרובים אויפ'ן קאפ.

חברה־מאן. גוט מען האט א קאפ! און א קעשענע דערצו. פערשרייבט אייך.

דאס מילך־מיידיל ברענגט דעם חברה־מאן עסען.

דער בעל־הבית פערהאלט זי און צאהלט. שטעלט זיך אויף.

בעל־הבית. אדיע! (ציהט אוים די האנד).

חברה־מאן. (ציהט זיינע צוריק) מען האט דאך גערעדט פון פערשרייבען?

בעל־הבית. מהיכא־תיתא... מהיכא־תיתא... נור אצונד אייל איך מיך! איהר האט דאך אוודאי א לאקאל, א קאנצעלאריע, כ'וועל קומען, אוודאי קומען... אדיע! (ריקט זיך אב אהן די האנד געבען.)

חברה־מאן. איהר ווייסט דאך נישט די אדרעסע.

בעל־הבית. (פון ווייטען) געוואהר ווערען, געוואהר ווערען!

חברה־מאן. (שרייט איהם נאך) קארמעליצקא 27! קארמע־ליצקא 27! (צו זיך). דער כלב! (נעמט זיך צו עסען נאכ'ן דריטען לעפיל) וֶהֱוֵה דָן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת — אפשר א קבצן!

לצפ"ר.

---

## א ארימע נְדָבָה.

חיה־ביינע האט דאס יאהר מויערן געבראכען און א פעסטונג איינגענומען: ניט דערעסען, ניט דערשלאפען, געטהון כל הפסלנות, געגנב'ט פון די אווענדען און פארטאגען — און אלץ צונעלעגט צום ארבייטס־טאג — נאר קנייטליך האט זי, א דאנק דעם בארמהערציגען גאט, דאס יאהר, ווי אלע יאהר, געלעגט.

השם־יתברך ווייסט דעם אמת, ווי שווער זי לעבט, וויפיעל מאל־צייטען אין דער וואך זי פערפעהלט. נאר גאר ניט קיין טענות צו דעם, וואס לעבט אייביג, האט זי ניט. בקיצור, אז איהם איז ניחא אזעלכע שבתים, אזעלכע ימים טובים, אימשטיינס געזאגט — איז איהר אויך ניחא. אז זי איז בכח געווען, פלעגט זי איהם „ברוך־הוא“ בעסער צופריעדען שטעלען.

נאר יום־כפור־ליכט אויך ניט, דאס איז שוין צו פיעל. פון זייט זי האט דעם קאפ פערדעקט, האט זי נאך איינמאל קיין ליכט ניט פערפעהלט. און בכח — ווייסט איין גאט אין הימעל, אז זי איז ניט בכח געווען. לייטען רייסט אויף אויגען: ס'טייטש, וואס איז? א יונגע, א געזונטע, קיין קינד, קיין רינד“.

„נאר וואס קאן טהון א יונגע, א געזונדטע גרושה פון בעל־הבת'ישען גראד? א פרעמדע ארבייט טהון? לעגען זיך אין די קלייען? גענוג איבערגעקומען, אז איך דארף פרעמדע זאקען ארבייטען — אויף בלומר'שט — אויף א מאשין. גוט איז זיי — די פייערינע צונגען, צו בערעדען, אז זיי האבען מאנען, ווער זאל ארבייטען פאר זיי!“

„קינדער?! ס' אודאי א גרויס אימגליק, וואלט מיך גאט

ברוך־הוא געווען געשטראָפֿט מיט דעם אונגליק! ווי עס איז, נעבען קינדער, חאפּט מען שוין אויך א ביסען".

„ניחיי וואָלט זי ניט זיין אַ יונגע, אַ געזונטע, און, ווי זיי זאָגען אַ פּאַרשוין, וואָלט זי זיך אַרויסשלאָגען פֿון קאָפּ נאָך אַמאָל חתונה האָבען, וואָלט איהר אפשר אנגעשטאנען צו טהון אַ געמיינערע אַרבייט. געמיינערע אַרבייטען בעצאהלען זיך בעסער... שענדיל די מעקלערין, בליומע די טענדלערין, סאסי ביענדיל די זיצערין — לעבען זיך קענען איהר ווי גראַפֿינעס."

ס'איז איהר די שונאים ניחא דער טויט, איידער אַריינצוגעהען צום שכן, דעם בעל־הבית פֿון דער דירה — נאָך אַ גמילות חסד, חאָטש זי ווייסט, דער אַלטער חאלאסטיאק וועט איהר ניט אָבזאָגען... זי האָט איהם דאָס יאָהר אויפ'ן חשבון פֿון דירה־געלד נאָך אַ גראָשען ניט געגעבען, און ער מאָנט זי אפילו ניט... נור פּשוט, זי האָט איהם פֿיינד מיט זיינע חסדים און חניפות, מיט זיין עזות און גראָבקייט.

אויף עסען וואָלט זי אַודאי ניט געגאַנגען לייהען, נאר אויף יום־כפור ליכט?!..

און דאנקען השם־יתברך — זי איז'ס איבערגעקומען, זי לעגט קנייטליך לייטען־גלייך ווי אַלע יאָהר.

נאר די הייליגע אַרבייט געהט איהר דאָס יאָהר — ניט פֿון דער האַנד. אַלסדינג קומט איהר רק שווער אָן, אימשטיינס געזאָגט: עס דערגעהט איהר ניט צו די קנייטליך, דאָס נר נשמה. פֿערקעהרט, דאָרט האָט זי צו פֿיעל! אויף יענער וועלט איז זי אַ בעל־משפחה'טע. נור דאָ, אימשטיינס געזאָגט, עלענד — ווי אַ שטיין אויף דער גאַס. פֿאַר יאָהרען האָט זי נאָך געהאַט זיין משפחה: שוועה־און שוויגער, פֿעטערס, מוהמעס, נאָהנטע און וויטע קרובים, — היינט איז זי מיט אַלע צוקריגט.

און געה ריכט זיך, אז אין גאַנצען שטעקט עס פֿון איהר, אַז שטעקען זאָל מען זי אין דר'ערד, טאַטע זיסער!..

„ערשט פֿאַר יאָהרען — אַ קנייטיל פֿאַר איהר געלעגט. אז לעגען זאָל מען זי אויף דער טהרה־ברייט, רבונו של עולם! פֿאַר איהר פֿערשמיערטער נשמה וועגען, וואָלט איך לעגען אַ קנייטיל!"

זי שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ מיט איהרע דאַרע, נאר ווייסע, קלאָרע הענד, און פֿערטראַכט זיך, זי דערמאַנט זיך ווי די מעשה איז געווען פֿון אָנהויב ביז'ן סוף:

„פּלוצינג חאַפּט איהם אָן אַ קדחת, אַ קליפּה, סטיטש — קינדער! שוין זעקס יאָהר נאָך דער חתונה און תמיד שטיל און היינט איז פּלוצינג געוואָ־ען: „קינדער! חאָטש איין קינד!"

„אַ סך בין איך אַליין שולדיג: אַריינגענומען אַ שלאַנג אין שטוב אַריין. כ'זעה אַ יונגער מאַן האָרעוועט נעביך דעם גאַנצען טאָג. מע קאָן ניט לייקענען: גאָלדענע פֿינגער. אַלע הוטענמאַכער נעמען זיך די אויגען אַרויס פֿאַר איהם. דער גאַנצער פּאָלק טראָגט דאָך נור זיינע היטלען. ער שפּינט נאָלד אי דעם בעל־הבית, אי זיך. נאר אַז ער קומט אַהיים, ווערט ער אומעטיג, טרויריג, קרעכצט רק „אַ קינד, אַ קינד!"

„טראַכט איך: אין אמת'ן איז דאָס לעבען ווי ניט געזאַלצען. ער האָט נעביך ניט אפילו מיט וועמען צו פֿערנעהמען זיך. מיט מיר?! איז דאָך עס פֿאָרט ניט נעכטען פֿון אונטער דער חופּה אַרויס. טראַכט איך, כ'ל אַריינגעהמען אין שטוב אַ וויחאָוואַנקע. אי ער וועט זיך האָבען מיט וועמען צו פֿערנעהמען, ס'וועט ווערען אַ ביסיל פֿרעה־ליכער אין שטוב. נאָך אַ לעפֿיל וועט קלינגען אין שיסעל, מע וועט דאַרפֿען טראַכטען נאָך אַ קאָלדרע, בעט־געוואַנט, יום טוב — אַ מלבוש'ל... שנית, קאָן זיין אין איהר זכות, אפשר, וועט מיך גאָט ברוך־הוא אויפֿרעכטען מיט אייגענס!"

דאַכט זיך מיט מיין ווייבערישען שכל — ניט קיין קרומע זאַך געטהון, אבגעזוכט אַ יתומה... מישטיינס געזאָגט... ווער ס'האָט זי דעמאלס ניט געזעהן! איינגעדאַרט, איינגעשישעט, נמאס פֿאַר אַ שטיקיל ברויט אויפֿצועסען. גענוג געהאַט צו טהון, איידער כ'האָב זי דערוואשען און בעריינינגט. גאָט זאָל מיך פֿאַר די רייד ניט שטראָפֿען! שוין צוועלף בעשריענע יאָהר אַלט געווען. נאר אזוי איינגעדאַרט, ווי איינע פֿון אכט. אַ וואָרם — און ניט מעהר."

נאר דער וואָרם הויבט אָן פֿרעסען און וואַקסען... כ'האָב בע־קומען איין איבערטראַכט: אפשר וועט ער זיך אָבזאָגען פֿון קליידען אַז תכריכים זאָל מען איהר מאַכען פֿרומיטשקען מיינער!"

„און זי וואַקסט ווי אויף צו להכעיס! אויגען — קוילען פֿייער. באַקען — רויזען. אַ פּלייצע! אַ הייך!"

„נאר זי האָט ניט אויסגעוואַקסען פּלוצלינג. געוואַקסען בגנבה... פֿון טאָג צו טאָג... אַזוי, אַז ווען זי האָט שוין אָנגעהויבען אויפֿרייסען לייטען די אויגען, און ברענגען צו זינד, האָב איך, בהמה, זי נאָך גערעכענט פֿאַר אַ קינד, אַ מיידעלע, בעסער זאָל זי ניט געווען אויפֿ־וואַקסען!.. און איך בהמה, קוועל קוקענדיג און מיין אַז אַלעס האָט זיך שוין אויסגעהיילט. אין שטיב איז פֿרעהליך: פּרנסה — ניט צו פּערזינדיגען. מיינער איז אויפֿגעלעגט, אָנגעהויבען שפּאָרען — ער פֿון איין זייט, איך — פֿון דער אַנדערער. איין עול אויפ'ן קאָפּ: אַט באַלד דאַרף מען אַ קינד צו לייטען ברענגען. אַ זיסע דאגה דאָס איז געווען!"

ניין, זי קאָן ניט לייקענען! ווי ווייט יענע האָט קענען איהר געזינדיגט, קאָן זי איהר ניט פֿערגעסען די עטליכע יאָהר פֿערגעניגען, וואָס זי האָט איהר אין שטוב אַריינגעבראַכט. דערמאַנענדיג זיך אין יענער צייט, קאָן זי זיך ניט איינהאַלטען און צוגיסט זיך אין טרעהרען.

„ניט בעשערט געווען — טרינקען פֿון אַזאַ זיסען בעכער!"

חאָטש באמת ווייסט זי ניט, פֿאַר וואָס איז איהר ניט בעשערט געווען? פֿאַר וואָס האָט זי קיין זכות ניט געהאַט אויף יענעם לעבען? זי ווייסט, אַז די גוטע פּרנסה האָט זי מיט איהרע טרעהרען אויסגע־ציגיינערט ביי דעם וואָס לעבט אייביג.

„דאַרף זי פּלוצלינג חרוב ווערען, — לייענט זי, ווייטער איהר ראָמאַן אין געדאַנקען — און זי לעגט זיך אַוועק אין בעט אַריין!"

דאַרף ער מיר פּלוצינג געטריי ווערען, און ניט לאָזען זיצען ביי נאַכט ביים „קינד". ער האָט מיך איינגעשלעפֿערט און אַליין זיך אוועקגעזעצט קוקען, ווי יענע קריינקט.

און אזוי די צווייטע נאַכט... און אזוי די דריטע נאַכט. און ווייטער און ווייטער... און די קריינק ציהט זיך לאַנג, און ער ווערט ניט מיעד..."

„און איך בהמה, שלאָף!"

און זי ווערט געזונד, און איך, נאר, — קוה אין אַ שלאָף־ראָק בין מלא בשמחה פּראַווע אַ סעודה!

„און פּלוצלינג הויבט זיך מיין פרומיטשקע אויף און געהט זיך אַוועק. זי וויל, זאָגט זי, דיענען... נדן זיך פֿערדיענען. פֿ'וּם געוואָרען, וויל מיך ניט אָנריהרען!

„אין שטוב איז געווארען, מיינע שונאים, א מדברית! פוסט לײדיג, חאָטש רעד צו די ווענט! און אויפ׳ן הארץ עפּיס אזוי ווי אויסגעביסען. גלייך א ווינט געהט דאָרט אוס. א בענקעניש עפּיס ווי נאָך רעכטס.״

און פלוצלינג איז איהם ווידער אריין זיין קליפּה אין קאָפּ אריין: „קינדער, קינדער און קינדער!״

היינטיגע רבנים, אימשטיינס געזאָגט! כ׳האָב געמיינט, דער רב וועט זיין מיין צר. ניין, האלט ער גאר מיט איהם: „קינדער, קינדער— שרייט ער אויך, טשעלעבעטשעט עפּיס אויף לשון קודש, און דרינגט אוים בפירוש — ער איז גערעכט!״

„און נעה ריכט זיך, אז דאָס איז איהר ארבייט! אז דאָס האָט זי איהם אוועקגעגעבען איהר אויסנעקבצנ׳טען פונפציגער, וואָס זי האָט אנגעקלויבען פון דער דיענסט, ער זאָל מיך פּטר׳ן — מיט איין עק!״

„קיין בושה פאַר לייט אפילו — ניט געהאַט. תכף טאַקי אין א הודש ארום — א חופּה געשטעלט. אז שטעלען זאלען זיי א שווארצע...״

זי האָט די קללה ניט געענדיגט: זי האָט זיך פערגאָסען מיט טרעהרען.

פאַרוואָס, פאַרוואָס קומט דאָס מיר, רבונו של עולם? צו איז דאָס דיין גוטער שכר פאַר א מצוה?

זי ווייסט, ווי ווייט זי זינדיגט מיט די רייד אקעגען גאָט. זי ווייסט — אזוינע שאלות טאָר א בשר־ודם ניט פרעגען. נאָר זי קאָן ניט שווייגען. גענוג וואָס זי שווייגט תמיד. זי ליידט הונגער און שווייגט; זי געהט אָפּט מאָל פאַרביי יענעם הויז, ווען זי קאָן עס ניט אויס־פעהלען, און הערט פון דאָרט ארויס עזות׳נע לאַכען פון א זאַטער חצופה... פרעהליכע ליעדליך פון א מאַנסבליש קול, וועלכער איז איהר גענוג היימיש און זי שווייגט; זי געהט אמאָל דורך יענע גאַס ביי נאַכט.. די פענסטער שטעהען אָפען, דער לאַמפּ ברענט אזוי עזות׳דיג גלייך א חתונה! און זי פערמאַכט ניט די אויגען...

זי האַפּט א מאָל א קוק אהין... אין די היימישע צימערן.. דערקאַנט די בעגקליך, וואָס זי האָט געקויפט, די שפּרייטליך פון איהר האַנדאַרבייט, דער שפּיעגעל, וואָס זי האָט אויסגעביטען אויפ׳ן אלטען צובראַכענעם — ב„חצי חנם״... און אָט איז זי!.. און אָט איז ער!... און אָט זעהט זי אזוינס, אז זי דאַרף נעהמען א שטיין און טרעפען איינעם אין קאָפּ אריין, וועט עס שוין דעם אַנדערן ממילא טרעפען...

נאָר זי נעמט ניט קיין שטיין, און וואַרפט ניט קיינעם, זי געהט נור אהיים און שווייגט. אז ס׳טרעפט זיך, זי האָט גראָד יענע נאַכט וועטשערע צו עסען, לאָזט זי דעם מאָלצייט אויף מאָרגען.

און זי שווייגט...

נאָר אז ס׳טרעט אבער צו אמאָל צום האַרץ, אז ס׳געהט איבער — געשיקט זיך דען, אז גאָט זאָל׳ס איהר נאָך רעכענען פאַר א חטא. ווען זי האַפּט זיך ארויס אקעגען איהם מיט איין איבעריג וואָרט? וואָס דען? זאָל זי טאַקי צוזעצט ווערען שווייגענדיג?

זי זיפצט שווער און נעמט זיך צו די קנייטליך.

„אנא, הויבט זי אָן הליפען איבער דער תחנה: איך — דיין דיענסט קום צו וואַרפען פאַר דיר מיין געבעט, פריהער פאַר מיינע אלע פריינד (זי פערהיקעט זיך ביי דעם וואָרט, גלייך זי האָט א הייסען ביסען געחאַפּט אין מויל אריין, און וויל איהם צוריק ארויס־געבען) —

„פאַר גאַנץ כלל ישראל, פערריכט זי זיך, און אין דעם זכות זאָל איך אויך געהאָלפען ווערען, ווי עס שטעהט געשריבען אין דיין הייליגער תורה: „כָּל הַמִּתְפַּלֵּל בְּעַד חֲבֵרוֹ, ס׳איז טייטש ווער ס׳בעט פאַר יענעם, ווערט ער פריהער אליין געהאָלפען״; סַלַח וּמָחַל, פערגיב און זיי מוחל אונזערע זינד פון א גאַנץ יאָהר״...

עס קומט איהר אויפ׳ן געדאַנק, ווי פיעל מאָל זי האָט זיך ניט ווילענדיג פערזינדיגט די נשמה פאַרן רבונו של עולם:

וויפיעל מאָל האָט זי פערשפּעטיגט מיט ליכט בענשען, ווייל זי האָט געדאַרפט אויסענדיגען א אַנגענומענע אַרבייט.

ערשט אויף דעם שבת נחמו האָט זי אריינגעאַרבעט א היבשע שעה אין שבת אריין. וואָס האָט זי געקאָנט טהון, אז ס׳איז א־בייט פאַר א כלה געוועזן? מ האָט מיט איהר אויסגענומען, אז ניט אויף שבת, וועט מען איהר די אַרבייט צו־וואַרפען.—

פאַר חלול־שבת האָט מען קיין מנוחה ניט אויף יענער וועלט. נאָך ערגער ווי ביים לעבען...

און וויפיעל פאַלשע שבועות שווערט זי פאַר די קונדען, כדי אויסצונאַרען ביי זיי דעם גוטען מקח. פאַר פאַלשע שבועות, רייסט מען דאָרט די צונג מיט פייערדיגע צוואַנגען...

„רבש״ע, קרעכצט זי, צי בין איך אזוי פיעל שולדיג דערין? צי פערנוטיץ איך אפשר דאָס פערדיענסט אויף פודער, אויף מאָדעס? עס קלעקט אזוי, מיט די פאַלשע שבועות אויך קוים־קוים אויף ביטער שווער לעבען.״

„היינט זשע די קיך! מיליכיגס־פליישיגס, פלייש ווייקען, פלייש זאַלצען, א צובראָכען ביינדיל. פאַקען אויפ׳ן לעבעריל... איך ווייס, מַשמַע, זיכער, אז כ׳האָב אין ערגיץ ניט פערקוקט?״

„פאַר מאכיל טרפות וואַרפט מען דאָרט פאַר די חיות רעות. זיי רייסען שטיקער פון דיר!״

זי וואָלט וועלען טהון עפּיס א גרויסע גוטע זאַך, כדי איבער־צובעטען גאָט ברוך־הוא מיט אמאָל אויף אלע איהרע חטאים. כדי אויסצובעטען ביי איהם לעבען אויפ׳ן יאָהר, און אז מע לעבט, ווי מען לעבט שוין, אימשטיינס געזאָגט, איז׳ס דאָך ניט געשטאָרבען. מע קאָן א מאָל א גוטע זאַך, א גרויסע מצוה טהון!

„נאָר וואָס פאַר גוטע זאַכען קאָן איין אונגליקליכע יורענע טהון? א פּרק משניות לערנען?״

זי בעקומט א גרויס רחמנות אויף זיך און אויף אלע ווייבער: כמעט דאָס גאַנצע גיהנום איז אויף זייער חלק: איז — אין קיך, איז — חלה, איז — ליכט־בענשען, איז — ווייבערישע מצות... איז חמץ פאַר פּסח...

און צום סוף זענען זיי נעביך אזוי אָרים, אזוי קליין און גע־פאַלען, אז חאָטש איין מאָל צופריעדען שטעלען דעם וואָס אייביג לעבט — האָבען זיי ניט מיט וואָס.

זי וואָלט נאָך געקאָנט מהגה זיין דעם רבש״ע מיט א פּאָר תעניתים, נאָר וואָס איז דער אנטיק־תעניתים? אז ניט. פאַסט זי דען ניט אמאָל אין דער וואָכען, פשוט ווייל זי האָט ניט וואָס צו עסען.

זי וואָלט וועלען, ס׳זאָל עמיצער אצונד—אָט אנפאַלען אויף איהר מיט בזיונות, מיט זידלעריי. אפילו טאַקי עטליכע קלעפּ דער־לאַנגען, און זי זאָל הערען, ליידען, שווייגען, מוחל זיין!

דעמאלס וואלט אפשר גאט ברוך הוא געזעהן איהר צער, און איהר אויך מוחל געווען...

עס פאלט איהר איין א געדאנק:

ווען, א שטייגער, זי זאל אויפשטעהען... און מוחל זיין אי איהר.. פרומען... אי איהם.. דעם געוועזענעם בעשערטען.. עט־מוחל זיין! גלייך—גאר ניט!.. וואס וואלט גאט ברוך הוא דעמאלס געזאגט?

צי וואלט ער דען געקאנט איהר ניט מוחל זיין אלע, אלע הטאים? זי איז דאך ניט מעהר ווי א בשר ודם, א ליימענער גולם, אימשטיינס געזאגט, און ער איז דאך גאט ברוך הוא א סולח ומוחל א אבינו מלכנו.

צי וואלט ער זיך דען ניט בעריהמט מיט איהר פאר אלע צדיקים און צדקניות אין גן עדן?

זי האט זיך פערטראכט. איהר פערגאנגען לעבען וואקסט נאך א מאל אויס פאר איהרע אויגען מיט אלע פינטעליך אין שרייפער־ליך... זי האט זיך צוהליפעט ווי א קליין קינד.

איהר איז שווער אנגעקומען די ארבייט. זי האט זיך פער־טראכט.. אלע מאל, זעהט אויס, פערטשעפעט די געדאנקען ביי ערגיין א צוועקיל... א שטיפטיל... שווער אוועקצוריהרען פון דארט...

פון אלעמען, וואס זי האט אמאל אזוי פיעל פערמאגט, איז איהר מעהר ניט געבליבען, ווי א הארץ מיט שנאה, מיט פערדרוס צו יענע, וואס האבען זיך מיט איהר אזוי בעגאנגען. די שנאה איז געווען איהר איינציג פערמעגען, אויף וועלכען, זי ווייסט, זי האט געגוג רעכט. דאס פערמעגען האט ביי איהר בעקומען א ווערט, א חשיבות.. פאר געלד וואלט מען עס געווים ניט געקאנט אויסקויפען ביי איהר — זאל זי זיך איצט פלוצלינג פון דעם איינציגען טרייסט אויך אבזאגען?.

„אבער וואס וועט גאט ברוך הוא זאגען?"

זי האט זיך שטיל צוויינט: די טרעהרען פאלען ניט — זיי געהען, גלייך איינע נאך דער אנדערער. די אויגען בעוועגען זיך... גלייך זי טענה'ט זיך מיט עמיצען אוים.

זי איז אויפגעשטאנען, אויסגעקליבען צוויי לאנגע, גלאטע קנייטליך... צוגעלעגט צום לעבענדיגען ליכט.

„און דאס לעג איך א קנייטיל פאר איהם"...

„און דאס איז פאר איהר!"

* * *

זי האט געהאט איין אויפגעלעגטען יום־כפור; געוויינט האט זי דוקא גלייך מיט אלע, און אפשר מעהר ווי אלע; נאר נאכ'ן וויינען איז איהר געווארען אזוי גרינג!.. „וואס זאגט גאט ברוך הוא!" שמייכעלט זי אין געדאנקען...

פאר נעילה, ווען די ווייבער געהען ארוים איינציגווייז אבחלש'ן און לעגען זיך אוים, ווי קרבנות אקעגען הימעל — האט זיך איין חיה־בריינגע געדרעהט צווישען זיי אויף די פים, ווי א קאזאק, — גלייך זי האט גאר ניט געפאסט; אפילו קיין „טראפענים" האט זי היינט ניט גענוטצט. און זי האט געווארפען איין אויג אקעגען אויף פרומען. יענע איז געלעגען בלייך. דאס פנים איז ווי לענגער געווארען, די קילען פייער אין די אויגען זענען אויסגעלאשען... דאס גאנצע פנים איז צוקנייטשט און ווי פארטיג צום וויינען. עס פעהלט איהר נור כח צום וויינען.

חיה בריינגען האט זיך געדאכט, אז זי האט רחמנות בעקומען אויף פרומע, און איז העכסט ציפריעדען געווען דערפון...

זי האט אויפגעפאסט מיט א טרוקענער סעודה, נאר דאך איז זי פרעהליך געווען. דאס גוטע יאהר איז ביי איהר געווען מזומן אין דער האנד.

„גאטוניו, האב אויף זיי אויך רחמנות, נויט זי זיך צו זאגען אין דער הייך, בעשער זיי פרנסה!"

און דעמאלס האט זי זיך געפיהלט גליקליך, גרוים, מילד.

זי איז רייך, זי שענקט נדבות! און וועמען שענקט זי נדבות?..

יהודה שטיינבערג.

---

## דרוקפעהלער.

און דער ערצעהלונג פון ה. נאמבערג (נו' 28) געפינען זיך די דאזיגע פעהלער, וואס שטערען דעם אינהאלט.

אויף זייטע 14, ערשטע שפאלטע, ערשטער אבזאץ שטעהט: „ער האט זיך דערמאנט אן גוטמאנען, אויב ער איז א גליקליכער און וואו ער בעהאלט זיין גליק". עס בעדארף זיין: ער האט זיך דערמאנט אן גוטמאנען, אויך ער איז א גליקליכער, און ווי ער בעהאלט זיין גליק.

אויף דערוועלבער זייטע, 2־טער אבזאץ שטעהט: „האט זי די אויגען אראבגעלאזט". עס דארף זיין: „האט ער די אויגען אראבגעלאזט"

---

# נדבות:

(דורך דער אדמיניסטראציאן „דער יוד" קראקוי).

## פיר דעם יודישען נאציאנאל־פאנד.

| | ק׳ | ר׳ |
|---|---|---|
| נאסף ע"י ה"ה שלמה פאיוק ואברהם עלימאן על התונת ה' אהרן אווערבוך מאנשים שונים | 15 | 1, |
| ה' פיינא ראסקין | 50 | — |
| על משתה האירושין אצל ה' פריעדלאנד בדווינסק נאסף ע"י חברי האגודה „עזרא" | 68 | 2, |
| ה' צבי וואלאדארסקי יעקאטערינאסלאוו לזכרון כלולת פינה בת יצחק סאנאלאוו | 50 | — |
| ע"י ועד הצעירים האורגניזציוני נאסף על התונת ה' וויסקין | — | 4, |
| ה' דוד איסאראוו וביתו מברכים את דודם ה' מרדכי ראנאטנער ליום כלולת בנם | 40 | — |
| ה' יצחק פאגעלנעסט לשנת העשרים להולדת בנו דוב אריה | — | 3, |
| לזכר האספה המינסקית — אריי ליב שטיין וזאב וו' אווערבוך | 20 | 1, |
| ה' מרדכי בלאנדשאפט ביום שמת אביו קלונימוס ז"ל | 50 | — |
| ה' י"א איזראלאוויץ מברך את מר אפרים העשיל ראבינאוויץ לכלולתו | 35 | — |
| ה' מאיר ענטין לזכר נשמת אביו יהושע העשיל ביום היא"צ שלו | — | 1, |
| ע"י המזכיר של האגודה „מנחם ציון" נאסף על חתונת העלמה יוהני כהן | 25 | 3, |
| על המשתה אצל ה' קארבעלניקאוו בהשיאו את אחותו רחל לה' מ"י מגיד | 10 | 2, |
| ע"י ה"ה צבי הערשמאן וצבי וויינער נאסף על חתונת מר נהמן בערנער מאנשים שונים | 76 | 5, |
| ה"ה יעקב ובערטא ניידיטש מברכים את כל בעלי בריתם בשנה טובה ומנדבים | — | 1, |
| ה' יצחק מאיר וואלקאוויטש בקיעלץ מברך את מר אברהם צוקערוואר להתונתו | 15 | 1, |
| ע"י ה' ירמיהו בארענשטיין חבר להאגודה „אוהבי ציון" וע"י ה' מאיר מאצידלאווער חבר להאגודה „צעירי ציון" נאסף על משתה התונה בין קרואים מתנגדים לציונית | — | 10 |
| | 54 | 38 |

בס"ה 812,42 ר'; 40,08 קראנען; 57,99 פראנק.

---

## לישוב ארץ־ישראל:

ה' שלמה בן ישראל נרשם ליפשיטץ בזיטאמיר מברך את קרוביו חבריו ומכיריו בשנה טובה ומרים את תרומתו השנתית להברת התמיכה האודיסאית. הכסף נמסר לתעודתו. מ' חי' פעלדעסמאן לאות ברכה לארושת בתה יענטא עם אליהו לערנער 48 ק"פ.

נמצא בדפוס ובקרוב יצא לאור:

# אחיאסף

## מאסף ספרותי עם תמונות וציורים

ונלוה אליו לוח השנה, כרוניקה, ביבליוגרפיא וידיעות שמושיות

## לשנת תרס"ג

ערוך ע"י ר. בריינין.

**בשנה זו נמלאו עשר שנים למיום הוסד „אחיאסף", על כן הוציאה החברה לשנת תרס"ג לוח־יובל לזכרון.**

לוח־היובל גדול הוא בכמותו (שלא בערך לעומת תשעה הלוחות הראשונים), עשיר ומצוין באיכותו. ואלה המה הסופרים שהשתתפו בלוח היובל במבחר פרי רוחם: אחד העם, ש"י אברמוביץ (מנדלי מו"ס), אייזענשטאדט מ. א. ד"ר, גיאורג בראנדעס, בי"אבי, ח נ. ביאליק, ר. בריינין, דר. ש. ברנפלד, ג. באדער, ש. ג. ברנשטיין, ר. א. ברוידעס, י. ל. ברוכוביץ, ש"ל גארדאן, א. גליקסמאן, א. מ. גנצר, דר. ח. ד. הורוויץ, פ. האל־פערן, מ. מ. הורוויץ, משה וואולף, ד. י. זילבערבוש, דר. י. טהאן, ז. י. יפה, יל"ל, ל. יעקובוביטש, ז. יעבץ, מרדכי בן הלל הכהן, א. לודוויפאל, י. ב. לזבניק, י. ליאן, מ. ליליענבלום, דר. שמריהו לעווין, פרופ' לודוויג שטיין, פ. ליפשיץ, פרופ' מ. מאנדעלשטאם, ל. מאצקין, דר. מ. נארדוי, דר. ד. ניימארק, דר. א. נאסיג, נ. סאקאלאוו, נ. סלושץ, י. פיכמאן, נ. פינס, י. ל. פרץ, הלל צייטלין, דר. ג. קארפעלעס, דר. י. קלוזנר, מ. קליינמאן, דר. י. רנצר, י. ראדלער, י. ח. רבניצקי, א. רייזען, יעקב ראבינוביץ, א. ז. ראבינוביץ, ראבינאוויץ ש. פ. (שפ"ר), א. שולמאן, י. שטיינבערג ועוד אחרים.

לוח־היובל עשיר בחלק הספרות היפה, במאמרים לשאלות הזמן, בתולדות וציורים ספרותים. כל החלקים האלה מעובדים ומבוררים בבחינת השפה והסגנון ובבחינת התוכן. הספרים הכותבים לועזית ששלחו את מאמריהם להלוח נכתבו לשמו ולא הדפיסום בשפה שבה כתבום. — גם חלק הציורים והתמונות מצטיין בערכו: הצייר הגדול יוסף איזראעלס הקדיש ללוח פרי חרטו ואמנותו הגאונית, והצייר הנודע ליליען קשט את מעטפת הלוח בציורו.

בפנים הספר יבואו התמונות האלה:

מ. אנטוקולסקי, הצייר יוסף איזראעלס, גיאורג בראנדעס (למלאת ששים שנה להולדתו), נחום סאקאלאוו (למלאות חמש ועשרים שנה לעבודתו הספרותית), דר. יצחק רילף, ועוד תמונות וציורים אחרים.

ונוסף על זה:

1) תמונת הכנסיה הציונית במינסק (כל חברי הכנסיה). 2) תמונות מורשי הגלילות הציונים ברוסיא. עם דין וחשבון ע"ד האספה במינסק מאת משה קליינמאן.

הלוח נדפס בשנה זו על ניר מובחר וביופי והדר.

מחירו 1 רובל 50 קאפ', ועם פארטא 1 רובל 85 ק', מכורך הדר 1,90 רוב', ועם פארטא 2,25 רובל.

**בצאת הלוח לאור בעוד זמן קצר יעלה מחירו לשני רובעל לבד פארטא.**

הננו מעוררים את קוני הלוח התמידים, את תמו"ס והסוכנים לשלוח אלינו פקודותיהם במוקדם האפשרי למען לא יאחרו מן המועד.

Издательство „Ахіасафъ", Варшава.

VERLAG „ACHIASAF" WARSCHAU.

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Redacteur M. Berkowicz. Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer in Krakau